זה השער לה' צדיקים יבואו בו

בעזהי"ת

# קונטרס
# אהלי ישראל

**חלק א.** געקליבענע דינים פאַר די וואָס פאָרן אין קאָנטריס אָדער קעמפּס וויכטיג צום טאָג טעגליכען יידישען לעבען.
**חלק ב.** די וויכטיקייט פין כשר'ע מזוזות.
**חלק ג.** וואָרענונג צו אידישע פרויען וואָס גייען צו דאָקטוירים.
**חלק ד.** קו' שער התקנות פין כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א.


הו"ל בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הק' זי"ע

## הק' שלום יודא גראס

רב דקהל „מגן שאול" ד„האלמין" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי"
**„מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"**

בעהמח"ס: **שו"ת „זבחו זבחי צדק"** (על הלכות שחיטה ובדיקה), **חינוך ישראל סבא** (מדריך לחינוך הבנים והבנות) **מדריך לצניעות, מנחת יהודה,** (על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק"), **נפש ישעי' על מאכלות אסורות** (ה"ח), **גידולי יהודה** (על הלכות ציצית), **קדושת בנות ישראל** (על הלכות יחוד), **מזוזת שלום** (על הלכות מזוזה) **וש"ס.**

בלאאמו"ר הרה"ג הצ' מוהר"ר **ישעי' זאב גראס** זצ"ל נכד השרף מסטרעליסק, ר' יעקב קאפיל חסיד, ט"ז, ב"ח, תוי"ט, רש"י, ולמעלה בקודש עד דוד המלך עה"ש.



הוצאת
**אמונה פאבלישינג**
ברוקלין נוא יארק
שנת תשל"ח לפ"ק

נדפס בבית דפוס
אופסט „מ־ריה"
ברוקלין, נוי יורק

הרוצה להשיג הספר הזה יפנה אל המוציא לאור:

*Copyright © 1977*

**כתובת המחבר:**

Rabbi Sholom Y. Gross
4711 — 12th Ave. Apt. a-5
Brooklyn, N. Y. 11219
436-8086

**כל הזכויות שמורות**

*Printed in the United States of America*

**דפוס אופסט „מוריה"**
**MORIAH OFFSET CO.**
160 JOHN STREET
Brooklyn, N. Y. 11201
(212) 852-4141

# אינהאַלט


1. קאַנטרי שכנים ............ ג
2. צניעות קליידונג ............ ג
3. קביעות עתים לתורה ............ ד
4. סדר שבת בקאַנטרי ............ ד
5. עירוב לשבת ............ ה
6. חינוך הילדים בקאַנטרי ............ ה
7. צניעות בקאַנטרי ............ ו
8. שווימען אין קאַנטרי ............ ו
9. יחוד בקאַנטרי ............ ו,ח,יא
10. תפלת הדרך ............ ו
11. מזוזות בקאַנטרי ............ ו,ז
12. גראָסעריס אין קאַנטרי ............ ז
13. איסור יחוד ביי אַ טעקסי ............ ז
14. די שכר פון אַ אידישע פרוי ............ ז
15. אָפּצוטיילען יונגלעך פון מיידלעך ביים שפילען ............ ז
16. יודענעס נישט רעדען הויך ............ ח
17. מחיצה ביים שווימען ............ ח
18. קינדער לויפען נאָך פאַרעדיגע קאַרס ............ ח
19. צינדען ליכט – בחורים ............ ח
20. זהירות ביים קויפען פיש אין קאַנטריס ............ ח
21. חאַפּען אַ היטש ............ ח
22. וואָרענונג וועגען עסענוואַרג – געטראַנק ............ ט
23. חשש מילבין ............ י
24. שמאַלץ הערינג ............ י
25. וואַשען די הענט פאַר קליינע קינדער ............ יא
26. שפּאַצירען אין די קאַנטריס ............ יב
27. שלעכטע חברים אין קאַנטרי ............ יב
28. אַרויס גיין אין גאַס ............ יב
29. יחוד אין עליוועטערס ............ יב
30. תערובות אין גראָסערי ............ יב
31. וואָרענונג פאַר עלטערן וואָס שיקען קינדער אין קעמפּס ............ יג
32. וואָרענונג פאַר דרייווערס ............ יג
33. די פּירצה פון גיין אין גאונס (Gown) ............ יג,יד
34. ערליכע חתונה ............ יג,יד

35. פריצות׳דיגע קליידער ברענגען צו שמד רח״ל ..... יד, טו
36. די אומגליקען וואָס קומען פין „פוטער מאַנטלען" ..... טז, יז
37. די וויכטיקייט פין כשר׳ע מזוזות ..... יז
38. אַ רוף צו תשובה ..... יט
39. סדר התשובה ..... כ
40. סדר התענית ..... כ
41. דער תיקון ווען ספרי תורות ווערען פאַרברענט רח״ל ..... כב
42. פסולע ספרי תורות ..... כג
43. און אויפרוף צום ציבור ..... כג
44. פערציג טויזענט אידען האָבען געלייגט פסולע תפילין ..... כד
45. נישט ערליכע סופרים ..... כו
46. מענטשען גייען אין פאַפירענע תפילין ..... כו
47. תפילין סעט – און מזוזה סעט ..... כו
48. תקנה קעגן וואַקסענדע מכשולות ..... כז
49. אויפרוף צו ראשי ישיבות און מנהלים ..... כז
50. די תפלין האָבען אים געהאָלפען מיט קינדער ..... כח
51. די מורא׳דיגע טראַגעדיע – דורך נישט באַקוקען די מזוזה! ..... כט
52. מדה כנגד מדה ..... כט
53. די וויכטיקייט פין כשד׳ע מזוזות אין די קאָנטדי ..... לא
54. עוד בענין מזוזות ..... לג
55. ביליגע מזוזות ..... לד
56. טייערע מזוזות ..... לה
57. מזוזות פאַד געשעפטען ..... לה
58. יעדער איד איז מחויב צו טאָן וועגען מזוזות ..... לה
59. פראַגעס און ענטפערס ..... לו
60. אומגליקען דורך פסולע מזוזות ..... לז
61. שוידערליכע פאַסירונגען ..... לח
62. מודעה פין הרה״ג מוהר״ר יעקב לנדא שליט״א ..... לט
63. אל״ף בי״ת כתב אשודית ..... מ
64. עניני חינוך לקטן ..... מא
65. אַ רוף צו רבנים ..... מא
66. די מכשולות פין פרויען וואָס גיין צו דאָקטוירים ..... מא
67. מודעה פין אַלטען ביד״צ אין תרצ״ב ..... מב
68. תשובה פין פאפא רב וועגען יחוד מיט דאָקטוידים ..... מג
69. תשובה פין דעבראצינער דב וועגען יחוד מיט דאָקטוידים ..... מג, מד
70. אַ וואָרנונג צו אידישע פרויען ..... מו, מז
71. אַ ליסט פין דאָקטורענס (פרויען דאָקטעדינס) ..... מח, מט
72. קונטרס שער התקנות פין כ״ק אדמו״ר מסאטמאר שליט״א ..... נ, נז

# פתח השער

רעיוני על ראשו סליקו הרבה פעמים דאולי נכון למנוע עצמי מלהדפיס ולהפיץ דברים הנוגעים להלכה כי כבר הורינו חז"ל במתק לשונם במקום גדולים אל תעמוד והגם שהאמת כי אינני נמנה עם הגדולים מחברי ספרים חקרי לב ובעלי תריסין אשר קטנם עבה ממתני, עכ"ז הרשות נתונה לפעוטים כמוני להשמיע דעתם ברבים בפרט כי מורה עלה על ראשי לעבור על דברי אדוני החסידים רבינו יהודה החסיד זצ"ל אשר דעת שפתיו ברור מללו בספר חסידים סי' ת"ק בזה"ל: שנגזר על האדם כמה ספרים יעשה וכו', וכל מי שגלה לו הקב"ה דבר ואינו כותבה ויכול לכתוב הרי גוזל מי שגלה לו כי לא גלו לו אלא לכתוב וכו' עכ"ל. וזמנין באפרקסתא דענייא תשכח מרגניתא, ועכ"פ יהי' לתועלת לבני גילי.

וכאן אני רואה חובה לעצמי להודיע בשער בת רבים שכל המעיין בספרי לא יסמוך להורות הלכה למעשה עפ"י דברי טרם שיעיין בספרים המובאים בספרי ובשערי ספרים העוסקים במקצוע זה וישקול במאזני שכלו מה לקרב ומה לרחק. ומיני ומיני' יתקלס עילאה, ופוק חזי מני גברי רבה דקא מסהדי על עצמם מגודל ענוותנותן שלא יסמכו על דבריהם אף שהאירו כל הגולה בדבריהם המאירים כספירים בכל פנה ומקצוע של תורה וא"כ מה יענו אנן יתמי דיתמי אבתרייהו.

וזה לשון הפמ"ג (באשל אברהם סו"ס ל"ב) לא יסמוך עלי שום אדם בשום דין, וח"ו אל יעלה על לב כך, רק לעורר לב המעיינים באתי והמעיין לאחר העיון יבחר כפי מה שנראה לו כו' עכ"ל הק', וכן כתב הגאון בעל בית מאיר בהקדמה על צלעות הבית וז"ל כבר מסרתי מודעה שלא כתבתי דברי להורות ועתה שונה עלי הכותב לעכב שחלילה לא ירום איש את לבו בשום הוראה עלי כו' עכ"ל הק'.

וע"ע בפרמ"ג בהקדמתו לאו"ח המליץ בעד המחברים שאפילו רק איזה גרגרים טובים מציל על כל הספר. ועוד כ' הפרמ"ג כי לפעמים ימצא בספר קטן מה שלא נמצא בראשונים, כאשר הניחו לו מקום להתגדר וכו' עיי"ש. וכן כ' הגאון בעל חוו"ד זצ"ל בהקדמתו לספר תורת גיטין בשם מאמר החכם שדבר אחד טוב אשר ימצא בספר כדאי שיגין על כל הספר ע"כ.

והגאון בעל שו"ת מאיר נתיבים ז"ל בספרו סוד יכין ובועז פרק ח' כ' (בצוואה לבניו) בזה"ל להתאמץ לחדש במשנה דבר קטן או גדול ולרשום במכתב כסדר, כצייד השולה דגים מן הים משכח רברבי שקיל משכח זוטרי שקיל עכ"ל.

ואף כי בעוה"ר אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא ובמה יתרצה עבד אל אדוניו מכל מה שעבר עליו מעודו במחשבה דיבור ומעשה כי אין לנו לא ביהמ"ק ולא קרבן שיכפר בעדנו ואין לנו כהן ונביא שיתפלל בעדנו, וע"כ אין לנו שיור רק התורה הזאת המגין ומכפר על כל חטאות עוונות ופשעים כידוע דברי הזוה"ק באדרא: שבזמן שביהמ"ק הי' קיים כשאדם הי' מקריב קרבן הי' מתכפר לו, וכשאדם כותב מה שלמד איזו חידוש הכתיבה הזו עולות לו במקום קרבן עכ"ל. וכבר מובא בשם הזוה"ק בס' ברית עולם על הס"ח ובספר פלא יועץ באות חידוש.

ועל אותן המלעיזין ומלעיגים ומאריכין לשונם בדברי לעג וקלס על מחברי ספרים חדשים אעתיק מדברי הגדולים מה שכתבו לסתום פי המסתינים והמקטרגים, וכידוע מאמר החכם הוי זנב למחברים ואל תהא ראש למדברים. וז"ל הפרמ"ג בהקדמתו שאלו המליזין ומדברים על מחברים ספרים והם אינם בני תורה הוא „מקנאת איש מרעהו" עיי"ש.

ועיין בס' ליקוטי עצות בערך תלמוד תורה אות מ"ו וז'ל, יש כמה ספרים עכשיו וכן עתידין להיות עוד ספרים וכולם צריכים להעולם ואסור להלעיג על שום אחד מהם מאחר שכל יסודו ובנינו הוא עפ"י תורתינו הק' וכו' אבל הספרים שהולכים עפ"י תודה הק' שקבלנו מסיני כולם יקרים מאוד וכולם צריכים להעולם **ולכל המלעיג על שום אחד מהם** ח"ו הוא **נידון בצואה רותחת** וכו', עד שישוב ע"ז בתשובה שלימה ויתקן זאת ויהי' נחשבים בעיניו כל הספרים הק' ההולכים **עפ"י יסודות התוה"ק** עיי"ש. וידוע מה שכ' הרא"ה בהקדמתו לס' החינוך וז"ל, אך אמרתי מי יתן ותהי מחשבתי נטרדת בזה כל הימים ולא תפסול ולא תפגום במזומות עמל ועול. עיי"ש בדבריו הק' כי נעמו.

ומאת ה' אשאל עזר שלא אטה מדרך האמת ולא אכשל בדבר הלכה ח"ו.

וכפי פרושות לשמים בהודאה על העבר על חיבורי הראשונים שיצאו כבר לאור ה"ה ספרי „**נפש ישעי**" על מאכלות אסודות כמה חלקים, וס' „**מנחת יהודה**" על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק", **גידולי יהודה** על ה' ציצית, **דבר משה** על מכשולות שונות, **חינוך ישראל סבא** על עניני חינוך, **מדריך לצניעות** על עניני צניעות, **מנוחת שלום** הדרכה לכשרות, **קדושת בנות ישראל** על עניני איסור הליכות נשים לרופאים והמסתעף, **שלום חסידיו** הערות על ספר חסידים, **מזוזת שלום** על הלכות מזוזה, שמאוד מצאו חן בעולם התורני ובעיני כל רואי' למעלה מדרך הטבע ותפלתי על העתיד שגם הקונטרס הלזה ושאר כ"י המוכנים לדפוס בקרוב ימצאו חן בעיני אלוקים ואדם, ויתגלגל זכות הרבים ע"י, ואחת שאלתי מאת ד' שאזכה לישב באהלה של תורה מתוך נחת והרחבת הדעת ויתקיים בנו מקרא שכ' לא ימיש ספר התודה הזה מפיך ומפי זרע זרעך מעתה ועד עולם, ונזכה לראות כל יו"ח עוסקים בתורה ובמצות ובמעשים טובים מתוך נחת עביג"צ בב"א.

כה דברי, חד מזעירי דחברייא, כותב וחותם ביום ג׳ לסדר ,,ד׳ היה נא **מצליח דרכי**״ שנת תשל״ח לפ״ק.

הק׳ **שלו׳ יהודה גראס**
בלאאמו״ר הרה״ג הצ׳ מוהר״ר
ישעי׳ זאב גראס זצ״ל

## מזמור לתודה

איתא במדרש (ב״ר פע״ט) על הפ׳ ויחן את פני העיר וכו׳, הד״א שאדם צריך להחזיק טובה למקום שיש לו הנאה ממנו. ופה מקום אתי לפרוע מעט מחובי ולהכיר תודה וברכה בעשיית הספר הזה לטובת נשמת כ״ק אבי עטרת ראשי אאמו״ר הרהגה״צ מוה״ר ר׳ ישעי׳ זאב גראס בן הרה״צ ר׳ משה אלי׳ זצ״ל, נפטר בחצי ימיו כ״ט חשון בשנת תשב״ג, נשמתו בגנזי מרומים, והקדיש בל ימיו לטובת הכלל בעניני צדקה וחסד והרבצת התוה״ק, ועשה קיבוץ וריבוץ ופעלים לתורה, והתמסר בכל נימי נפשו, וכדי לבצע מחשבתו בנה כמה בתי מדרשות ומקוה וישיבה ות״ת ופנימי׳ וכו׳, בעיר חיפה בא״י, ועלה לו במסירות נפש ממש לא יאומן כי יסופר כידוע לידידיו ולתלמידיו בארצה״ק ובארה״ב, לבד מעשיו הכבירים עשה מעשים רבים וטובים להצלת מאות ילדים מהעברת הדת בידי המסיתים, והי׳ ביתו פתוח לרווחה לאלפים מאחבנ״י. כ״ק אדמו״ר מסאטמאר שליט״א, התאכסן שם כמה פעמים בנסיעותיו לא״י, יה״ר שלא יבוש המעיין ולא יקצוץ האילן.

וזקיני הרה״צ ר׳ משה אלי׳ בן הצ׳ ר׳ חיים אליעזר הנ״ל, בנה ג״ב כמה מקוואות בא״י במקומות הנדחים והיה בעל מכניס אורח גדול וכו׳, ואביו מוהר״ר חיים אליעזר בן הרה״ח ר׳ אלי׳ היה ביתו פתוח לרווחה, והרבה מצדיקי הדור התאכסנו אצלו. הרה״צ ר׳ אלי׳ הנ״ל היה דר בסאבאטש והיו אחד עשר אחים והיו מקורבים מאוד אצל הצה״ק הייטב לב זלה״ה. וביותר אצל הצה״ק בעל דברי חיים מצאנז זלה״ה.

אבי הרה״צ מוה״ר ר׳ ישעי׳ זאב ז״ל הי׳ חתן הרה״ג הצ׳ מוהר״ר זאב וואלף מוטצען שו״ב מאראד, ובסוף ימיו הי׳ בא״י שו״ב מוהל מומחה ומלמד בישיבת יטב לב דסאטמאר בירושלים עיה״ק, בן הרה״צ ר׳ שלום מוטצען, בן הרה״צ ר׳ אברהם חיים מוטצען, שהיה תלמיד רבינו משה סופר זצ״ל מפרעסבורג בעל החתם סופר, והיה דיין ומו״צ בק״ק האלמין (עיין אודותיו בספר שם הגדולים דגדולי הגר ובספר זכרון צדיקים), נפטר ביום ה׳ ניסן, ויש אומרים ביום ד׳ דחול המועד פסח שנת תרנ״ב לפ״ק, היה בן ר׳ יצחק שטעמפעל (מוטצען) שהיה דיין ומו״צ בק״ק באניהאד יצ״ו, והיה גאון מופלג והניח אחריו הרבה חידושים בכ״י, ולמעלה בקודש הי׳ חוטרים ממשפחת

מוטצען שנקראו על שם עירם ק״ק ,,מיטץ״ יצ״ו, מחמת מעשה שהי׳, כי פעם נגזרה גזירה על כל יושבי העיר להפיר דתם ר״ל, והמשפחה הנ״ל היתה היחידה שעמדו בפרץ ואמרו ניהרג ואל נעבור את פי ה׳, וכאשר נתבטלה הגזירה ב״ה אז ניתן להם שם על שם העיר לגאון ולתפארת ולמזכרת נצח.

הרה״צ ר׳ זאב מוטצען הנ״ל היה חתן הרה״צ ר׳ יעקב שלמה גאלדשטיין זצ״ל שהיה מכפר באלאגא, אשר תבר גזיזי דברדא בימי השלגים וטבל, והיה בעל מכניס אורח גדול וגומל חסדים לכל והיה גאון גדול וחסיד מפורסם. נסתלק כ״ח אלול שנת תרצ״ה, היה בנו של הרה״צ ר׳ מאיר משה בן הרה״צ ר׳ דוד צבי שהיה דר בכפר קיש קאפאש, והגאון בעל מראה יחזקאל שהיה רב במדינת זיעבען בערגען כשסבב את המדינה היה שובת אצלו בכל שב״ק, והמשפחה היתה נקראת בשם בל משפחת קדושים.

ולמעלה בקודש הנם צאצאי רבינו אורי מסטרעליסק הנקרא בפי כל השרף מסטרעליסק, ר׳ יעקב קאפיל חסיד, ט״ז, ב״ח, רבינו עובדי׳ מברטנורא, תוס׳ יו״ט, ולמעלה בקודש עד גזע דוד המלך ע״ה.

* * *

ועל הטוב תזכר אמי הצנועה החשובה יראת ה׳ היא תתהלל מרת **אסתר** שתחי׳, בת הרב הגאון וכו׳ מו״ה **זאב וואלף מוטצען** ז״ל שו״ב מאראד, שנפטר ח׳ תמוז שנת תשט״ו. אנא ה׳ האריך ימי׳ בטוב ובנעימים ותזכה לראות נחת מבנים ובני בנים עוסקים בתורה ומצות עד בא לציון גואל במהרה בימינו אמן.

מנשים באוהל תבורך בברכה משולשת לזוגתי האשה החשובה והצנועה מרת **טויבא** תחי׳ לאוי״ט, בת חותני הרה״ג מו״ר **חיים אלי׳ ביטמאן** שליט״א, על השתדלותה בכל עוז להיות לי לעזרה להוציא את מגמתי לאורה, ושמחה מאוד לראות אותי פנוי ללימוד התוה״ק ולכתוב חידושים, וללקט ליקוטים. תהי׳ משכורתה שלימה מעם ה׳ אלקי ישראל, ונזכה יחד לגדל בנינו הנחמדים והנעימים לתורה לחופה ולמעשים טובים, ה״ה **יעקב ישעי׳ זאב, מרים ברכה, אברהם חיים אלימלך, חי׳ שרה פיגא, פעריל מלכה, ניסן משה, דוד, ואביגדור** שיחיו לאורך ימים ושנים טובים. אנא בשם תשמרם מכל פגע ומחלה, ותחזנה עינינו מהם רב נחת דורות ישרים יבורך לתפארת אבותינו הקדושים.

ופה מקום אתי להביע תודתי וברכתי לאנשי קהלתי קהל ,,מגן שאול״ ד,,האלמין״, ובפרט לאברכי הכולל ,,בית ישעי׳״ **המיוחד להוראה בשחיטות ובדיקות** בברוקלין, כולם אהובים שומרי תורה ואוהבי חסד, שעזרו לי הרבה להדפסת הספר הזה וכן שאר הספרים, וכן לכל המצטרפים עמהם במלאכת הקודש – יברכם ה׳ בכל משאלות לבם לטובה.

**הסכמות ומכתבי עידוד שנדפסו בשו״ת ,,זבחו זבחי צדק״ ובספר ,,נפש ישעי׳ ״ ב׳ חלקים ובקונטרס ,,מנחת יהודה״ ח״ו מספרי ,,נפש ישעי׳ ״ על מאכלות אסורות, ועוד.**

**מגאוני וצדיקי וקדושי הדור, אנשי כנסת הגדולה, בישיבה של מעלה, עמודי העולם, ראשי סנהדראות, אשר כל בית ישראל נשען עליהם, וכגחלי אש דבריהם, ואלה שמותיהם:**

(ע״פ א״ב)

**הרב אליהו זלאטניק** זצוקללה״ה
רב וחבר הביד״צ של העדה החרדית בירושלים עיה״ק

**הרב דוד הלוי יונגרייז** זצוקללה״ה
רב וחבר הביד״צ של העדה החרדית בירושלים עיה״ק

**הרב ישעי׳ ישי הכהן גרינפעלד** זצוקללה״ה
רב ומח״ס מלונדון

**הרב ישראל יצחק הלוי רייזמאן** זצוקללה״ה
רב וחבר הביד״צ של העדה החרדית בירושלים עיה״ק

**הרב שמחה בונם גרינבערגער** זצוקללה״ה
ראב״ד דק״ק פרעשבורג יע״א. ברוקלין נוא יארק

**הרב שמעון ישראל פאזען** זצוקלה״ה
כ״ק אדמו״ר משאפראן, ברוקלין נוא יארק

●

**הרב אברהם יצחק קאהן** שליט״א
כ״ק אדמו״ר שליט״א משומר אמונים בירושלים עיה״ק

**הרב אברהם מאיר איזרעאל** שליט״א
אבדק״ק הוניאד

**הרב אפרים אליעזר הכהן יאלעס** שליט״א
אב״ד דפילאדעלפיא רבתי

**הרב אברהם מ.ברייטשטיין** שליט״א
ספרא דדיינא בעדה החרדית בירושלים עיה״ק

**הרב חיים אלי׳ שטערנבערג** שליט״א
רב ור״מ ביהכנ״ס וישיבת ,,מחזיקי תורה״ חיפה

**הרב יוסף גרינוואלד** שליט״א
כ״ק אדמו״ר שליט״א מפאפא ברוקלין נוא יארק

**הרב יחזקאל גרובנר** שליט״א
רב בדעטרויט

**הרב לוי יצחק גרינוואלד** שליט״א
אב״ד דקהל ערוגת הבושם, ברוקלין נ.י.

**הרב משה פיינשטיין** שליט״א
ר״מ תפארת ירושלים, נוא יארק

**הרב משה שטערן** שליט״א
אבדק״ק דעברעצין ברוקלין נוא יארק

**הרב נפתלי הירצקא העניג** שליט״א
אבדק״ק שארמאש, ברוקלין נוא יארק

**הרב רפאל זילבער** שליט״א
אבדק״ק פריימאן, ברוקלין נוא יארק

**הרב שלום הכהן ווייס** שליט״א
אבדק״ק אוהעל, ברוקלין נוא יארק

**הרב שלמה האלבערשטאם** שליט״א
כ״ק אדמו״ר שליט״א מבאבוב, ברוקלין נוא יארק

**הרב שמואל יודא פאנעט** שליט״א
אבדק״ק דעעש, ברוקלין נוא יארק

**הרב שמעון זאב מיללער** שליט״א
אבדק״ק אראד, ברוקלין נוא יארק

## משה שטערן
### אב״ד דעברעצין ונייהייזל יצ״ו
### בעהמ״ח שו״ת באר משה ה״ח
כלאאמו״ר הרא״ש, בעמ״ח ספרי גפי אש
ומליצי אש וש״ס
### ברוקלין יע״א




בעזהי״ת

אל מע״כ ידידינו הרב המופלא ומופלג בהפלגת חכמים ונבונים זי״ר יפר״ת לוחם מלחמת ה׳ בגבורה כש״ת מו״ה שלו׳ יהודה גראסס שליט״א.
אחרי תת שלו׳.

בשמחה שמעתי שמע״כ הד״ת נ״י עוסק במלאכת הקודש להוציא לאור עולם קונטרסים גדולים וקטנים בענינים העומדים על הפרק אצלינו וראשם מגיע השמימה. ובחר ללקט ציצים ופרחים מספרי רבותינו גדולי הראשונים עד אחרון שבאחרונים במצות שבנ״א דשים בעקביהם שזנוחי׳ בימים אחרונים באין מובן איך ולמה, כגון מצות מזוזה שהכל קונים מסוחרים שבעוה״ר רובם, אם בעזהי״ת אין כולם, קונים מהבא בידיהם ומוכרים לאחינו בתור כשר עצהיו״ט, ורחמנא שזיב לן כמעט כל המזוזות פסולין, וכן ציצית כמעט אין אדם חוקר ודורש אחריהן מי עשאן ואיך עשו אותן ומבטן מי יצאו והמכשלה גדולה. וגם לרבות במאכלי אסורין שנמסרו כשרותן לידי בעלי כיסין ובכל זויות יפנה ואין דורש ומבקש וכצאן לטבח יובל הכל נכנסין ומי יודע מה הן אוכלים, וכבר נשאלתי על מקומות אלו שאחר חקירה ודרישה נודע שהאכילו בכלים אסורים אם מי שנכשל שם צריך לעשות תשובה ככל אוכל איסורין בשוגג או דינם כאונס כיון שסמכו על ההשגחה, ובירדתי בתשובה באריכות דדינם ככל הנכשל בפשיעות כי חלילה לסמוך על השגחתם. ויפה עושה הד״ת נ״י לצעוק על דבר זה ולעורר לב אחינו בנ״י שיזהרו עצמן להדר בעניני׳ אלו בזהירות יתירה ואל יסמכו עצמם על הודעה בעלמא. **וגם בעניני שחיטה ובדיקות לקט מחשו׳ גדולי המורים דברים מועילים טובים ונכונים אמת לאמיתם.**

**ומה ששאל ממני בענין אכילת אגוז** (וואלנאט בלשון המדינה) בימי הקיץ, האמת אגיד כי לפלא בעיני שגם חרדים לדבר ה׳ אוכלים אגוז בימי הקיץ וידענא מבית אבי מורי הגאוה״צ הי״ד זצ״ל שמעולם **לא אכלנו אגוז משבועות עד הוש״ר מאגוזים הישנים מחשש מילבן** וכן נהגו אחריו כל שיראת שמים נוגע ללבם ופלא בעיני שכאן **במדינת ארצה״ב שחשש המילבן הוא ק״ו בן ק״ו מיוראפ,** גם יראים ושלמים אוכלים אגוז. ואלו שנהגו היו לאכול אגוז בין שבועות להוש״ר היו מעבירין אותם באש כדי לשרוף המילבן אם היו באגוזים.

ודע דאכילת אגוזים שונים כמו אגוז סתם **(וואלנאט בלשון המדינה) או „קעשענאטס״ או „היזלנאטס״ „פינאטס״ וכיוצ״ב** מטוגנים בשמן (געפרעגלט) שאוכלים במדינתינו מאוד צריכים להיות נזהר שיהיו מטוגנים בשמן כשר כי יש חשש גדול בלא״ה **והעיד לפני עד נאמן שבעיניו ראה איך שהיו במקום אחד מטגנים אגוזים בשומן (בחלב)** שהוא בזול הרבה יותר משמן.

ומה שסומכין על השגחת אָ.יו. רחמנא שזיב לן מהאי דעתא דהלא אין בעלי האָ.יו. נוהגים בדרך רבותינו ואבותינו הק׳ זכי״ע ואיך נסמוך עליהם, שומו שמים איך ירדנו מאה ואלף מדרגות לאחורנית?

ועוד צריכים להיות נזהר לסנן הטעע היטב אם מבשלים טעע מהעלטה פוד טעע שאינם בכיסים, מהאי טעמא דנמצאים בהם מילבין אם מונחים חדשים בחנויות, וכן קמח אורז (רייז) וכיוצ״ב.

עכ״פ ההתעוררות בענין הכשרות הכרח מאוד וכמעט מוכרח „כאויר לנשימה" ושכרו כפול מן שמיא, כי כל ענין כשרות והשגחת מאכלים הבאים לתוך מטבח כל איש ואיש הוא מכאיב לב, ה׳ יעזרינו למען שמו לעשות ולתקן מה דאפשר לתקן ואם לא אפשר אצל ההמון עם כי כבר דשו בדבר וכהיתר דמיא להו עכ״פ נתקן גודא אצלינו יוצאי יוראָפּ אחר המלחמה אחר הגירוש הנורא בצער גדול ועגמת נפש מכל מה שאנו רואים סביבותינו, אחתום בצפי׳ לחסדי ורחמי ה׳, בכלל ובפרט

ימי הסליחות שנת תשל״ה לפ״ק פה ברוקלין יצ״ו

משה שטערן

# הרב אברהם מאיר איזראעל
## אבד״ק הוניאד

ב״ה

ג׳ לס׳ לעשות את החקים האלה ואת המשפטים
תשל״ה לפ״ק ברוקלין תצ״ו.

החוה״ש וכט״ס לכ׳ ידידי הרה״ג המופלג בהפלגת נבונים, קנקן חדש מלא ישן, ספרא וסייפא וכו׳ מוה״ר שלו׳ יהודא גראסס שליט״א,

אחדשה״ט וש״ת, אתמול החזרתי למעכ״ת נ״י במעטף מיוחד את הגליונות קו׳ „גדולי יהודה" על הל׳ ציצית ו„מזחת שלו׳" על הל׳ מזוזה ו„קדושת בנות ישראל" על ה׳ יחוד ו„שמחת שלו׳" על עניני חתונות ו„דבר משה" הלכות נחוצות ו„חינוך ישראל סבא" על עניני חינוך הבנים והבנות ואת קונטרסו הנפלא „זבחו זבחי צדק" על הל׳ שחיטה ובדיקה, ולמרות עתותי המצומצמות, אהבתי לאמרי יושר ודברי אמת דחקה את זמן מנוחתי, נדדתי שנת מעיני ומעפעפי תנומה, ועברתי כמעט על כל דבריו בקונטרסיו הנ״ל, ומצאתי בהם דברי חפץ, דברים בעתם ובמקומם, לעורר את לב אחב״י החרדים לדבר ה׳, על פרצות הזמן, שנפרצו פה בפרוץ המרובה על העומד, ובעוה״ר אין איש שם על לב, ומה טוב ומה נעים שמעכ״ת ידידי נ״י לקח עליו את המעמסה להתריע בתוך המחנה על הפרצות הגדולות שפרצו בבית ישראל, בכל שטחי החיים הדתיים, ע״י איזה בעלי כיסין שרק אל הבצע עיניהם, ועושין מעשה זמרי ומבקשים שכר כפנחס, ועינינו הראות את גודל ההפקרות השוררת בינינו בכל הענינים, כמו עבודת

הקודש סת"מ, בכשרות תפילין ומזוזות, שנודע בשער בת רבים שרובם פסולים ר"ל, וכן במצות ציצית נתרבו המכשולים, **וכמו שזכיתי לשמוע כ"פ מפ"ק קדוש ישראל מרן הגאוה"ק מסאטמאר שליט"א, שיש ליזהר מאד בענינים אלו, שלא יצאו כל ימיו שלא הניח תפלין מעולם, ולא קיים מצות ציצית השקולה ככל המצות שבתורה מימיו**, ועוד זאת בעניני השחיטה במדינתינו זו רחבה כארץ מדה, והמשובשת בגסו"ת, כל אחד דודף אחר בצעו להרבות בשר שחוטה בהוצאות מעוטות, להגדיל הרוחים, ועי"ז רבו המכשולים בזה גם אצל שלומי אמוני אחב"י החרדים הי"ו, וה' ירחם.

וראיתי שהאריך בענין השחיטה ובדיקה שתהי' במעמד ב' שובי"ם וכמ"ש בזה בתבו"ש טובים השנים מן האחד, וכבר דאיתי שתקנו תקנה זו בדורות שלפנינו (עיי' ס' מזבח אדמה דף ק"א מרפי הספר, וכן בתשו' מראה יחזקאל (גלינא) סי' מ"ר, ועוד). והענין הוא, דבהמה בחי' בחזקת איסור עומדת, ולשי' הרא"ש בכלליו בפ' הנזקין דבאיתחזיק איסורא אין עד אחד מתידו, וכ"ה שי' הרשב"א בתשו' סי' תתל"ז, וכבר האריך בזה ק"ז בעל דרך יבחר בקו' יד אמונה שלו בסו"ס שו"ת דרך יבחר, והגאון בעל פרמ"ג אשר כל בית ההוראה נשען עליו בפתיחתו להל' שחיטה (ד"ה שורש החמישי) כ' דאף באדם כשר ומוחזק, אינו נאמן להפך החזקה, וע"ע בזה בתשו' שו"מ תליתאי ח"א סי' קס"ד, ופשוט שכל המשנה בזה ידו על התחתונה.

והנה ידידי הרב נ"י יצא ללחום נגד מכשולות אלו מבלי חת מפני איש, במסירת נפשו ממש, ויצא ללקט ציצים ופרחים מספרי רבותינו הראשונים והאחרונים, וכל יקר ראתה עינו לברר וללבן ענינים אלו על בורדין, לעורר את לב אחב"י שיהי' נזהרים בהם, ולבלתי תת המשחית לבא אל בתיהם להשחית ר"ל.

ובפרט בעניני שחיטה וכשרות, שכבר יצאו לו מוניטין בעולם בספרו הבהיר „נפש ישעי" על מאכלות אסורות שהופיע לפני איזה שנים, ונתקבל בעולם התורה בחן ובחסד, ולא נשא פני איש באבידות לב, בלתי לה' לבדו, וכמ"ש רבינו הרז"ה ז"ל בהקדמתו לס' המאור עה"פ ובבא משה לפני ה' לדבר אתו לסיר את המסוה עד צאתו (שמות ל"ד ל"ד) שהסיר מסוה הבושת והענוה לבחון האמת עיי"ש, ועד"ז אמרתי בס"ד לפרש הא דאי' במס' אדר"ן פרק מ' הרואה ר' יוחנן בן נודי בחלום יצפה לידאת שמים, ונלאו הספר' ז"ל למצא פשר דבר דמ"ש ריב"נ משאר גדולי המשנה בענין ידאת שמים, וי"ל דהנה מצינו דר' יוחנן ב"נ הי' מחמיר גדול בעניני נו"ט, ובענין זה לא הכיר פנים לאיש, וכדאי' בתוספתא (פ"ד דמס' בכורות) בהאי עובדא דפרתו של בית מנחם שהכשידה ר' עקיבא, ואמר להם ר' יוחנן בן נודי, האכילכם דע"ק נבילה, והגע בעצמך שהטיח מילים חריפים אלו, בוטים כמדקרות חרב, נגד רע"ק רבם של כ"ד אלף תלמידים, ומגדולי חכמי המשנה, שקבעו הלכה כמותו, הלכה כרע"ק מחברו (ולדעת כמה פוסקים, אף מחבריו, עיי' טו"ז או"ח סי' קס"ד סק"ז, ועוד) וגבי ד' נכנסו לפרדס, העידו עליו שרע"ק נכנס בשלו' ויצא בשלו' (חגיגה י"ד ע"ב) ואי' בשם האריז"ל שרע"ק השיג שער הנו"ן משעדי בינה, ועל שר' יוחנן ב"נ הי' ס"ל שפרה זו שהכשירה רע"ק אסורה היא, לא נשא לו פנים, והדהיב עוז בנפשו

להכריז עליו האכילכם רע"ק נבילה, ולא שם על לב התנגדותם של המעוררים, שיעוררו עליו ע"ז גדולי דורו ותלמידיהם ובוז יבוזו לו ע"ז, אבירת לבו זה לשם שמים מורה על גודל מדת יראת שמים שבו, שבקנאתו למדת האמת לא נשא פני איש, ואף פני גדול דורו וכנ"ל, וע"כ מי שראה פניו בחלום יצפה ליראת שמים, שהיתה מדתו של ר' יוחנן בן נורי, והבן.

וע"כ ידי תיכון עמו שיפוצו מעיינותיו חוצה, ומובטחני שספרים אלו ימצאו חן ושכל טוב בעיני אלקים ואדם, לקרב לבות בני ישראל לאביהם שבשמים, לגדור גדר, ולבנות חיל וחומה בעד פרצות בני עמינו, להעמיד הדת על תלה, בדרך אבותינו ורבותינו ז"ל, מאורי דור ודור, ולהיות ממזכי הרבים מתוך נחת והרחבה גדולה, עד שנזכה כולנו יחד לראות בישועה האמיתית בביאת גו"צ בב"א.

כעתירת ידידו הדוש"ת מלונ"ח
הק' **אברהם מאיר איזראעל**
אבד"ק הוניאד

נ.ב.

הערותיי על ספרו היקר אשלח לו אי"ה בקרב הימים, כי לע"ע אין בידי לסדר אותם מפאת הפנאי, ועם מעכ"ת ידידי נ"י הסליחה.

**כן יש לנו עוד כמה מכתבים מגודלי זמנינו הי"ו, ומחמת הוצאות הדפוס לא הצגנום כאן. והרוצה לעיין באלו הנם כתובים בשני חלקים הראשונים של נפש ישעי' וג"כ בחלק ו'. ולמותר הכפל.**

# קונטרס
# אהלי ישראל

## הדרכה און התעוררות פאר קליין און גרויס!!

### קאנטרי-שכנים

א. די הייליגע חז״ל שרייבען אז די גרעסטע השפעה אויפען מענטש איז די חברותא, און שכנים, (סוטה פ״א, רמב״ם ה׳ דעות, אבות פ״א, הר״י שם) אין דערפאר דארף מען גרויס אכט לייגען, אז מען זאל האבען ערליכע אפגעהיטענע שכנים, בפרט אין קאנטרי, ווייל דאס ווירקט שטארק סיי אויף די עלטערן סיי אויף די קינדער, ליידער זענען פיל שטיבער ציבראכען געווארען, אין שלום בית׳ער געשטערט געווארען דורך זומערדיגע שכנים, דורך די לעצטע פאר יאר.

ב. פון נישט ערליכע שכנים דארף מען אגאנץ יאר אויך אויסגעהט זיין, נאר זימער קען אמאל מער ווירקען ווייל מען איז ציזאמען אויף איין פלאץ, אין מען שמיסט ציזאם אסאך, קען טרעפען אויך מען איז אויף א פלאץ ווי עס וואוינען צענדליגע משפחות אז מען לערנט זיך אפ יעדענס קולות.

### צניעות קליידונג

ג. אין קליידונג איז נישט דא קיין שום היתר עפ״י התורה צי גיין אנגעטון זימער ווייניגער בצניעות ווי אגאנץ יאר, אדרבה לויט ווי די ספה״ק שרייבען קריגט מען פיל מער שכר פאר זיין געקליידעט בצניעות, ערשטענס ווייל עס איז שווער (אבות ורבינו יונה בשע״ת) צווייטענס ווייל מען נעמט אויך די שכר פון די אלע וואס גייען נישט געקליידעט געהעריג, וואס פון דעם סארט איז דא מער זומער, אין דערפאר ליגט די אויפגאבע אויף די מענער זיך גיט אומציקיקן אין שטיב, נישט זיך פארלאזען אויף די בעל הבית׳טע.

ד. עס איז וויכטיג צי באמערקען א גרויסע **מכשול** וואס קימט פאר אין **היימישע חסידישע** שטיבער אומוויסענדיג, אגאנץ יאר, בפרט זומער, א גרויס טייל פון די **קליידער** זענען **דארכזיכטיג** נישט אלס באמערקט מען דאס באלד אין דאס האט נישט קיין היתר עפ״י הלכה, דערפאר דארף מען פארזיכטיג זיין איידער מען קויפט אדער נייט אהן א קלייד, אויב עס איז ווי געהעריג די מענער זענען אויך חייב באחריות אויף דעם. דער גרעסטער פעלער איז זיך צי

פארלאזען אויף די אידענע אליין, דאס איז אויך געווען די זינד פון אדם הראשון (אוה"ח פ' בראשית).

## קביעות עתים לתורה

ה. עפ"י הלכה דארף יעדער איד אפילו דער וואס ארבעט שווער אויף פרנסה, לערנען תורה יעדע פרייע מינוט וואס ער האט, דער רבינו יונה שרייבט (אבות פ"א) אז אפילו א איד וואס האט קיין איין עבירה נישט (חוץ ביטול תורה) נאר ער מאכט די תורה פאר א טפל, וועט ער אין גן עדן אויך נאר זיין א טפל, כ"ש דער וואס לערנט גארנישט שטייט (אין אבות) אז ער איז חייב מיתה.

## סדר שבת בקאנטרי

ו. יעצט לאמיר זיך אפשפיגלען ווי אזוי מיר אליין פראווען אפ דעם סוף וואך אין קאנטרי, אין ווי אזוי איז דער אמת'דיגע וועג עפ"י התורה: שבת נאכמיטאג גייט מען שפאצירען, נאכדעם לאהנט מען זיך אהן אין מען שטייט אויף צו מנחה, מעריב דאווענט מען אפ שנעל (אזוי ווי מוצאי ט"ב) שלאפען קען מען נישט נאכדעם ווי מען איז געשלאפען א גאנץ נאכמיטאג אין אט איז מען שוין אינטערוועגנס באזיכען דעים, יענעם, אזוי שפילט מען אוועק די נאכט ווילאנג עס ווערט גיט שפעיט במילא שטייט מען אויף זינטאג נאכען זמן קריאת שמע, אין אפט מאל טרעפט אז מען דאוונט נאכען זמן תפלה [מצוה גוררת מצוה], דורכ'ן טאג איז מען נישט געהעריג אויסגערוהט פין ביינאכט, האט מען נישט קיין אפעטיט צו לערנען, טרייבט מען ווייטער די צייט מיט באזוכען, שמיעסן דברים בטלים וכדומה, נאכדעם גרייט מען זיך אויף די נסיעה צוריק אין שטאט.

סך הכל פון פארגאנגענעם שבת: נישט געלערנט, ציזאמגערעדט לשה"ר ודברים בטלים, פארשפעטיגט זמן קר"ש ותפלה, פארברענגט צייט פארען חבר, נישט אויסגעניצט די צייט מחנך זיין אין לערנען מיט די קינדער, אין בני בית, מבטל געווען סעודת מלוה מלכה, ארויסגעגאנגען בשוגג חוץ לתחום, שפאצירענדיג.

ז. וויאזוי דארף מען זיך פירען: ערב שבת קיקט מען אריין אין א אידיש ספר. אביסעל זיך אפזונדערען פין די גאנצע וואכעדיגע עולם הזה, זיך ציגרייטען ווי געהעריג אויפנעמען דעם שבת, פרייטיג צי נאכט'ס נאכען עסען עפענט מען ווייטער א ספר פארען שלאפען, מען שטייט אויף פריה נישט פארפאסען ח"ו זמן קר"ש וואס שטייט אין זוה"ק אז יענעם טאג וואס מען האט פארשפעטיגט זמן קר"ש איז מען אין חרם ח"ו, במילא האט מען נאך צייט צו לערנען פארען דאווענען וואס דאס איז א הייליג מיטעל ארויפציטראגען די תפלות (וכמ"ש בדברי תורה בשם בעל בני יששכר) און די ברבה פון א

גאנצע וואך איז אפעהנגיק אין די שבת'ריגע תפלות (כמבואר בזוה"ק).

נאכען עסען לייגט מען זיך צי אביסעל, מען שטייט אויף אין מען זעצט זיך לערנען, אליין, און מיט די קינרער, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין ש"ע (או"ח ח"ב סי' ר"צ) אז די וואס ארבעטן א גאנצע וואך טארען שבת נישט פראוועו לאנגע סעורות וכדומה נאר בקיצור, און לערנען [אויך בני תורה דארפען לערנען, הגר"ז, א"ר, מ"ב, שם], ווער רערט נאך אז מען לערנט אביסעל פרקי אבות אין שטיב אין מען איז מרריך ווי אזוי מען זאל זיך פירען תבא עליו ברכה, מעריב ראדף מען נישט אפכאפען מען איילט זיך אין ערגעץ נישט, איז א שאד אוועקרייסען פון שבת, ווי רי ספה"ק שרייבען אז נאך 120 יאר לאזט מען ריען שבת ווי לאנג מען האט געהאלטען שבת ביים לעבען, נאך מעריב וואשט מען זיך מלוה מלכה, מען לייגט זיך פריה שלאפען, אין מען שטייט אויף פריה אין מען קען נאך לערנען פארען דאווענען, לייענען קר"ש באצייטענס, אין נאך פרישטיק זעצט מען זיך ווייטער לערנען ביז ביינאכט.

## עירוב-לשבת

ח. מען דארף געווארענט זיין נישט שפאצירען שבת אויסערן תחום, א עירוב טאר מען נישט מאכען נאר פאר א מצוה (ש"ע ה' ע"ת), וואס ראס באדייט „מצוה" דארף מען פרעגן א שאלה.

ט. נישט טראגען נאר אויב א מורה הוראה האט באשטעטיגט אז דער עירוב איז הינרערט פראצענט אין ארדענונג, די מכשולות אין דעם זענען גרויס, ליידער.

י. מען ראדף אכטונג געבען ווען מען איז מחדש די לבנה, אז מען זאל נישט שטיין אינטערביימער, אויך ראדף מען שטיין מיטן פנים צי מזרח (ש"ע ה' ר"ח).

יא. לייגען א שטרענגע אויג אז א קינר זאל נישט באזוכען ביי א פרעמרען נאר אויב מען איז פארזיכערט אז עס איז נישט דא דארט קיין טעלעוויזיע אדער ראדיא רח"ל, ליידער האבען שוין ראדך אזעלכע באזוכען פאסירט אומגליקען ר' ישמרנו.

יב. נישט פארען אין א קאנטרי ווי **אלע** מענער פארען אוועק ראדך די וואך.

יג. בעסער זאל מען געבען פאר קינדער פין שטיב נאשערייען, ווייל אויב א קינד באקימט געלט, קען ער קויפען וואס ער גליסט, דאס קען זיין זייער שעדליך פאר רי נשמה, ראס איז א נ"מ אויך פאר א גאנץ יאר.

## צניעות בקאנטרי

יד. נישט לאזען די בני בית גיין צו א קאנטרי ציזאמענקום פין אידענעס צו אינטערהאלטען זיך, ווייל פרויען זענען לייכטזיניג אין עס קימט צו הוללות וכדומה, דאס מיינט אפי׳ אין דעם זעלבן קאנטרי.

טו. א פלאץ ווי מענער גייען דארך טארען זיך אידענעס נישט אראפזעצען, עס איז נישט מדרך הצניעות, דאס זעלבע איז אויך געזאגט פאר מענער דארפען אכטונג געבען נישט דארך צו גיין אויף דעם פלאץ.

טז. אפילו די נשים צדקניות וואס ווילען בשום אופן נישט מוותר זיין אויף די מצוה פין שווימען זומער, דארפען זיי וויסען אז ערשטענס מיז דער פלאץ זיין ארימגענימען 100 פרעצענטיג פין אלע זייטען, חוץ דעם דארף מען זיין אנגעטאן געהעריג אינגאנצען אזוי ווי מען גייט א גאנצען טאג, אנדערש איז נישטא קיין היתר (מס׳ מחניך קדוש).

יז. עס טרעפט זיך גאר אפט אז דער בעל הבית פין קאנטרי קימט פארעכטען דאס וואסער אדער לעקטער וכדומה, אין מען קען גלייכצייטיג געשטרויכעלט ווערען מיטן הארבען איסור פון יחוד אומוויסענדיג, דעריבער ליגט א חוב אויף יעדען מאן אנציזאגען אין שטיב אז מען טאר קיינמאל נישט זיין אליין מיט אן ארבעטער, אדער דעליווערי באי״ סיי אין קאנטרי סיי א גאנץ יאר, אינדעם איז אויך אריינגערעכנט דער ארבייטער וואס קימט פארעכטען דעם טעלעפאן.

יח. מען דארף אכטונג געבען ווען מען זעצט זיך ארויס אינדרויסען לערנען, אין נישט ווייט פין דארטען זענען דא אידענעס נישט געהעריג בצניעות געקליידעט טאר מען קיין אידיש ווארט נישט זאגען, אין דעם איז אויך אריינגערעכנט דארכזיכטיגע שטרימף (אהנע שטרימף).

יט. אפילו די קאנטריס וואס האבען א כשר׳ן עירוב, איז דאס נאר א היתר צו טראגען אין די הענט אבער נישט אין טאש (כמבואר בשו״ע סי׳ שג, ובשו״ע הגר״ז ומ״ב ומנח״ש).

כ. ליידער הערט מען פיל ,,וועגען״ אומגליקען, גאנץ אפט פאסירט דאס ווייל מען גיט נישט אכטונג צו זאגען תפלת הדרך, וואס דאס איז א גרויסע הייליגע סגולה פין די חז״ל צו פארען אין קימען בשלום (עי׳ נימוקי או״ח ק״י).

כא. לויט אסאך פוסקים (עי׳ שד״ח, ובש״מ ה׳ מזוזה בקובץ גדול) דארף מען אין די זימער וואוינונג האבען געהעריגע מזוזות, אין

מען טיט דאס פארנאכלעסיגען אין מען פאטערט זיך מיט ביליגע מזוזה׳לך אדער אהנע מזוזות, געדענקט וואס די חז״ל שרייבען מזוזה היט אפ דעם מענטש אגאנצען מעל״ע ווי ער גייט אין שטייט. אין דערפאר טאר מען נישט פארגעסען בודק צו זיין די שטיב מזוזות לכה״פ איין מאהל אין דריי יאר בערך, לייגט דאס נישט אפ! ווייל דורך דעם פארגעסט איהר, אין דאס איז לעבענס וויכטיג.

דאס וואס מיר הערען ליידער אפטע פאסירונגען פון אומגעוועונטליכע אומגליקען, סיי אין די וועגען, סיי שטיב קראנהייטען ל״ע, איז אגרויסער גורם צו דעם די פסול׳ע מזוזות. דעריבער זייט געווארענט.

כב. פאראן אויך געוויסע מענטשען וואס טיען גרינג האלטען אין קאנטרי דאס ענין פין כשרות אין דעם איז איינגעשלאסען אויך גראסעריס וואס פארקויפען אומפערלעסליכע פראדוקטען, צוליב קונים וואס פארלאנגען דאס, דאס הייסט אז ווען עס קימט אהן שווער נאכציקימען די גאנץ יעהריגע הידורים אין כשרות, לאזט מען נאך, אויף דעם שרייבען שוין די הייליגע ספרים די הארבקייט (עיין ס׳ תמימי דרך באורך) **די הייליגע תורה ווערט נישט געענדערט אין קאנטרי מיט גארנישט.**

כג. לויט די פסק הלכה פין די רבנים איז נישטא קיין היתר צי פארען ביינאכט אליינס אין א טעקסי מיט א מענער דרייווער, דאס איז רעכט איסור יחוד, אין אפילו בייטאג צי פארען דארף מען פרעגען א שאלת חכם, דאס איז נוגע סיי זימער און א גאנץ יאר, נישט קיין אינדערשייד אויב דער דרייווער איז א איד אדער א גוי, דאס זעלבע איז אויך אויב א שווער פארט אליינס מיט א שניר, אדער שוויגער מיט אן איידעם, וואס טרעפט זיך זייער אפט.

כד. מענער אדער בחורים שווימען מיט האלבע הויזען אין אפגעדעקטע קאפ, דאס איז אויך נישט אויסגעהאלטען בדרך הצניעות והתורה.

כה. די פליכט פין יעדע אידישע פרוי איז צי זעהן אז דער מאן זאל אויסניצען יעדע פרייע מינוט צי תורה ועבודת ד׳ דעמאלט באקימט זי האלב שכר (סוטה כא, ור״ן קידושין פ״ב, ש״ע הגר״ז ה׳ ת״ת) טאמער פארקערט ח״ו, באקומט זי אויך האלב.

כו. עס איז אויך א פליכט אויף די עלטערן אכטונג צי געבען אפציטיילען יונגלעך פין מיידלעך ביים שפילען זיך (ס״ח ועוד) פין קליינוויז אהן.

כז. עס איז בכלל נישט צניעות׳דיג פאר יודענעס און מיידלעך

זיך אנצילעהנען אינדרויסען, אויף א אויסציה־בענקעל, טאמער קען א מאן דורך גיין אדער באמערקען.

כח. אויך איז נישט שיין צי שרייען אדער רעדען הויעך איין פרוי אדער מיידעל צים אנדערען, ווי ערוואקסענע קינדער אין מענער דרייען זיך (א״ר סי׳ ע״ה, כה״ח).

כט. ס׳איז אויך נישט דער דרך פין אידישע טעכטער ארומצוגיין אינדרויסען מיט פאפאטשן (Slippers).

ל. קליינע מיידלעך העכער 3 יאר טארען אויך נישט שווימען ביי אן אפענעם פלאץ וואס איז נישט געהעריג ארימגענימען, פונקט ווי ערוואקסענע, (אינטער 3 יאר איז אויך נישט מידות חסידות צו שווימען אין די עפנטליכקייט).

לא. עס קימט פאר ווען קליינע קינדער האבען ליב נאכצילויפען פארנדיגע קארס, עלטערן דארפען האלטען אן אפענעם אויג, אין באשטראפען שטארק די קינדער אויף דעם.

לב. בחורים וואס לערנען אין די פרעמד דארפען גערענקן צי צינדען ליכט לכבוד שבת, וועגען די חילוקי דינים דארף מען פרעגען א מורה הוראה.

לג. **וויכטיג!!** ווען מען קויפט פיש ביי א סוחר וואס פארקויפט אויך „נישט כשר׳ע פיש״ [דאס פאסירט געוויינליך אין די קאנטריס] דארף מען אכטונג געבען נישט צי לאזען אויפשניידען די פיש מיט זיינע מעסערס, וואס ווערט געניצט אויך אויף נישט כשר׳ע פיש, אזוי אויך אפמאלען פיש טאר מען נישט דארט.

לד. אינגעלייט וואס עסען ביי די עלטערן אין צינדען ליכט אינדערהיים, זאלען פרעגען א שאלה וויאזוי זיך צי פירען.

לה. איינס פין די שעדליכסטע זאכען פארען גוף אין די נשמה, איז זיך אראפ צי שטעלן אין אפשטעלען קארס מיט ווילדע פרעמדע מענטשען. אין כאפען א וועג מיט זיי.

לו. יעדער טאטע דארף וויסען פינקטליך ווער אלס איז זיין זוהן׳ס חבר צום לערנען, אין שפילען, דאס זעלבע מיט די טאכטער, ווייל דאס האט א גרויס ווירקונג אויפען קינד.

לז. ליידער ווערט זייער גרינג געהאלטען די איסור פון יחוד [זיין ציזאמען] מיט קרובות, דהיינו צי זיין ביים שוואר אין שטיב אפילו נאר דער שוויגער איז דארט, אדער נאר א שוועגערין איז אין שטיב, דאס איז זייער הארב מען דארף פרעגן א שאלה.

**ווארענונג ווענגן עסענוווארג – געטראנק**

לח. עס פאסירט זייער אפט אז מען טרעפט אין א עסענוווארג אדער געטראנק וואס ליגט אויפען טיש גרייט צום עסען, אדער טרינקען, קליינע פליגלעך, בפרט זומער, דערפאר דארף יעדער געווארענט זיין א גאנץ יאר בפרט זומער, איידער מען הייבט אהן עסען אדער טרינקען זאל מען זיך גיט איינקוקען אין דעם עסען אויב עס געפינט זיך נישט אין איהר קליינע פליגלעך אדער אנדערע באשעפענישען, ווייל טאמער עסט מען ח"ו איין פליגעל איז מען עובר פינעף לאוין, דאס מיינט פינעף מאל אזוי הארב ווי עסען חזיר וואס איז בלויז איין לאו, און די בעל הבית'טע דארף אבטונג געבען נישט צו לאזען אויפגעדעקט קיין שום עסענוווארג אדער געטראנק.

לט. אויך איז פין גרויס וויכטיקייט אבטונג צו געבען נישט צו לייגען ספרים אויף א טיש וואס ליגט דארט עסענוווארג. ערשטענס ווייל מען מאכט נישט קיין גרינטליבע אינטערזובונג אויף יעדען בלעטל פין יעדן ספר, פאר פסח, אפצירייניגען פין חמץ, צווייטענס ווייל די הייליגע חז"ל שרייבען (מס' שבת) אז ספרים האבען קליינע מילבין, אין דאס קען זיך אריינמישען אין עסענוווארג. בידוע האבען אנשי מעשה אינדערהיים זייער מקפיד געווען נישט צו האלטען קיין שום ספר אגאנץ יאר אויף א טיש וואס מען עסט (עי' ספר נפש ישעי').

מ. אין ווענגן דעם זעלבן טעם פין מילבין דארף די בעל הבית'טע געווארנט זיין גרינטליך אפצירייניגען די באק געשיר ווייל פין פארטרוקענטע ברעקליך מאכט זיך די מילבין (יוש"ה).

בפרט די זיפעלעך דארף מען זייער אבטונג געבען אפצורייניגען גענצליך פון מעהל שטויב, ווייל עס מאכט זיך אפט דארטען מילבען. אויך די וואס האבען ברויט-באקסעס דארפען זייער אבטונג געבען נישט צו האלטען די ברויטען אינעם בלויזען באקס ווייל מיט א צייט מאכט זיך פון די אלטע ברעקליך מילבין. אלעס וואס מען לייגט אריין זאל זיין איינגעפאקט.

די זעלבע דארף מען אויך געווארענט זיין, אז דאס זעקעל וואס מען האט געהאלטען דערין ברויט אדער קעקס זאל מען נישט איבער נוצען נאכאמאל ווענגן דעם זעלבען טעם. [באמערקונג: מילבין זענען זייער זייער קליינטשיק, דערפאר זאל מען זיך נישט איינרעדען ווען מען באמערקט דאס נישט, אז מסתמא איז נישט דא קיין מילבין, ווייל געוועהנטליך דערקענט מען דאס נישט].

מא. מען דארף אבטונג געבען זיך צו דערווייטערן גענצליך פין

גרינסען אדער פרוכטען וואס זענען שטארק ווערעמדיג אין כמעט נישט מעגליך צי קלויבען, ווי צב"ש שוועמלי"ך, קעל קרוי"ט, קאפע"ר, ריביצלא"ך, יאגדע"ס, מאלינעס, ספינאטש, לעטעס, עס איז דא אויך אנדערע עסענווארג וואס כאטש מען קען דאס קלויבען דארף מען אבער זייער גיט אין שטאט קלויבען ווי צב"ש קארפ פיש, וואס מען קען דארטען טרעפען ווערי"ם אויף די הויט, שופע"ן, פליס פעדע"ר וכדומה וואס נאר א מיינסטער דערקענט דאס.

די עצה צו קענען עסען קארפען פיש, קודם דארף מען גוט באטראכטען דעם גאנצען פיש אויב עס איז נישט דא קיין ווערים, דאס בעסטע איז נאך אויב מען ציהט אראפ די גאנצע הויט מען ווארפט אוועק דעם קאפ (ווייל דער קאפ איז שטארק ווערעמיג) נאך דעם ווייקט מען דאס איין אין עסיג וואסער.

וויכטיגע ווארענונג פאר די וואס קויפען שמאלץ הערינג, זאלען אכטונג געבען, ווייל טייל מאהל ווערט דאס געווייקט אין וויין עסיג אין דאס איז א ערענסטער חשש פון סתם יינם.

מב. אין ניסלע"ך געפינט זיך זייער אפט מילבי"ן (עי' קש"ע מו').

בפרט דארף מען אכטונג געבען, ווייל מען טרעפט זייער אפט אזוי ווי קליינע שטויבלעך אין די ניס, אין דאס איז א חשש מילבין, דאס זעלבע דארף מען אויך אכטונג געבען ווען דער ניס האט שווארצע פינטליך טאר מען עס נישט עסען.

מג. אין איינוועגס ווילען מיר מעורר זיין, עס קען טרעפען אז דער דאקטער אסר'ט צי עסען געוויסע זאכען, וועגען איר שעדליכקייט פארען געזונט, אין דאך גיט מען נישט אכט צי פאלגען דעם דאקטער, דארף מען וויסען אז אויף דעם פאל, איז מען עובר מיטן עסען א איסור מה"ת (ונשמרתם מאד לנפשותיכם), אין טאמער האט דאס געהאט א שלעכטע ווירקונג אויפען געזונט ח"ו אין דארך דעם האט ער נישט געקענט דאווענען געהעריג, אדער לערנען, וועט מען אים אויף אלעם שטראפען, ווייל ער האט זיך דאס אליינס ציגעברענגט.

מד. נאך דארף מען געווארענט זיין אז ווען א מויז, אדער קאץ עסט אראפ אביסעל פין א גאנצע ברויט, איז נישט גענוג אפצישניידען א שטיקעל דערנעבען, נאר דער גאנצער ברויט טאר מען נישט עסען (שו"ת ד"ח) אין אזוי ביי אנדערע עסענווארג, ווייל דאס מאכט פארגעסן דאס לערנען.

מה. אין דערפאר טאר מען נישט טרינקען פין א פלאש וואס

איינער האט זיך שוין א וואש געטוהן די הענט דערפין, ווייל דאס איז קשה לשכחה (הוריות י״ג) [גורם צי פארגעסן] במילא איז דאס שוין אויך א לערנונג אז מען זאל זיך נישט וואשען די הענט פין דעם כדי נישט עובר צי זיין אויף דעם איסור פין בל תשחית.

מו. די פוסקים שרייבען אז מען זאל אכטונג געבען אפצוואשן די הענט צופריה פון קליינע קינדער (פמ״ג, מו״ק וש״פ) אין די בעסטע איז ווען מען פירט זיך שוין אזוי פון יום המילה (גר״ז, סי׳ יעב״ץ).

נאך שרייבען די ספרים אז אפוואשען די הענט פאר קינדער פין ווען זיי ווערען געבורען איז א גוטע סגולה פאר קליינע קינדער כדי זיי זאלען וואקסען בקדושה וטהרה, (חסל״א, בא״ח, כה״ח ד׳ כ״ב) ליידער האט מען לעצטנס געהערט פארשידענע אינצידענטען ביי קליינע קינדער, אין ווער קען וויסען צו דאס גלייכגילטיגקייט אין אפגיסען נעגעל וואסער פאר די קליינע קינדער איז נישט אסאך שולדיג אין דעם, עס איז א פליכט פין די עלטערן אין זייער פערמינענטע אויפגאבע צי גאר קליינע קינדער אפגיסען נעגל וואסער תיכף צופרי׳, אין די גרעסערע קינדער נאכציקיקען אויב זיי גיסען זיך אפ געהעריג אזוי ווי מען דארף, נישט אפגעבאפט אין יוצא געוועזן, ווי די מנהג ביי קליינע קינדער.

מז. אויך די בעל הבית׳טע דארף זייער געווארענט זיין זיך געהעריג אפציגיסען נעגל וואסער, ווייל זי ארבייט ביי די עסענס, אין דאס איז דער יסוד פין די אנטוויקלונג אין קדושה פין אלע שטיב מענטשען (עט״ז סי׳ צ׳, באה״ט, הגר״ז, וש״פ).

מח. מען דארף מעורר זיין די נשים צדקניות, בפרט די קליינע קינדער אז ווען מען קימט ארויס פין ביהכ״ב אפילו מען איז נאר סתם אריינגעגאנגען עפעס אריינטראגען אדער ארויסנעמען דארף מען זיך געהעריג וואשען די הענט (מ״ב סי׳ צ׳, נימוקי או״ח, א״א בוטשאטש, תשורת ש״י, ועוד), אין ביי דעם איז אויך שייך די הארבקייט וואס שטייט פריער או׳ מד, וועגן אנרירען עסענווארג.

מט. וועגען די הארבקייט פין קדושת בנות ישראל דערמאנען מיר נאכאמאל אז לויטען פסק דין פין ירושלימ׳ער בד״צ, אין גדולים פין חוץ לארץ טאר א פרוי נישט גיין אליינס צי א דאקטער, אהן באגלייטונג, וועגן איסור יחוד.

נ. מען טאר נישט עסען א עסענווארג וואס איז אראפגעפאלען פין טיש אויף דער ערד (חולין פ׳ כה״ב).

נא. עס איז א גרויסע שמיעס אין די פוסקים אז מען זאל נישט

טארען טרינקען קאווע סוף סעודה אהנע ברכה (ח"א, קש"ע, סי' יעב"ץ).

נב. מענער, בחורים, קינדער, דארפען געווארענט זיין בפרט שבת נאכמיטאג נישט דארכציגיין די גאסען וואס זענען בלעה"ר באלאגערט מיט פרויען, בפרט זומער [זעלבסטפארשטענדליך אז יעדער ירא"ש דארף ביי זיך אין שטיב פארלאנגען פין די נשים נישט צי שפאצירען אויף די גאסען, אויב עס איז נישט וויכטיג, וכל מי שיש בידו למחות על אנשי ביתו].

## אכטונג אויף קינדער

נג. עס איז זייער ראטזאם אז מען זאל נישט שיקען די אינגלעך אויף די געגענטער וואס איז שטארק באוואוינט מיט גוים, בפרט זומער. אפילו אויב מען דארף עפעס קויפען ביי יענעם געגענט, ווייל דאס טיט זייער שלעכט ווירקען אויפען קינד'ס קעפעל אין הארץ [איין באשעפער ווייסט], כאטש דער קינד דערציילט דאס נישט, ווייל דאס פריצות אין זוהמא פין די רשעים קלאפט אוועק דאס הייליגע גייסט פין קינד וואס ער האט זיך איינגעזאפט אין שטיב, און אין ביהמ"ד ביי די גמרא, [ווי וויניגער צי שיקען א קינד אויף די גאס בפרט זומער אלס בעסער], עס איז גארנישט אין ווערטער אראפציגעבען ווי שטארק דאס ווירקט אויף די נשמה פין קינד, דאס מאכט נאכדעם אויך שווערקייטען אריינציברענגען א שטיקעל גמרא אין קעפעל פין קינד (כמבואר במדחז"ל ובספה"ק).

כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א האט געפייערט ביי א שובבי"ם תורה, אז א יוד גייט ארויס אויף די גאס דארף ער מתפלל זיין, ער זאל צוריק קומען לכה"פ דער זעלבער ירא"ש, ווי פאר ער איז ארויס.

דאס זענען קורצע ווערטער מיט א רייכען אינהאלט, און א מוסר השכל, ווי ווייט מען דארף זיך איבערצוקלערען איידער מען גייט ארויס אויף דער גאס, אדער מען שיקט א קינד ארויס, צו איז דאס טאקע וויכטיג אדער נישט?

נד. אפילו מען זאל שוין טרעפען היתירים אויף איסור יחוד אין עלעוועיטער, דארף מען נישט פארגעסן די הייליגע ווערטער פון רבינו ירוחם (נב"ג, מובא במפתחות מהרש"ם אה"ע) אז אן אפגעהיטענער איד אדער אידענע, דארף זיך נישט פארלאזען אויף היתירים נאר אייביג אכטונג געבען, דאס איז וויכטיג אויך פאר אנדערע חבר'טעס איבערציגעבען, אין די הלכות דארף יעדער מאן לערנען אין שטיב, און אין סקול מיט די קינדער.

נה. עס קימט פאר ווען מען גייט איינקויפען אין גראסערי,

בעקערי וכדומה, אז מען שטייט ממש אויסגעמישט מענער אין פרויען, דעריבער זאל מען אכטונג געבען צו שטיין מענער באזונדער און פרויען באזונדער.

## קינדער אין קעמפס

נו. די עלטערן וואס שיקען קינדער אין קעמפס וכדומה, וואס ווי פארשטענדליך מוזען זיי זיך פארלאזען אויפען קעמפ מיט השגחה אויף די קינדער, אין הגם דארכען טאג איז מער ווייניגער איינגעארדענט א קביעות׳דיגע השגחה אויפען קינד פינדעסטוועגן דארפען אלע עלטערן פארלאנגען אויסשליסלעך א שטרענגע השגחה ביינאכט אויך, דהיינו אן אויפזעהער וואס זאל ארימגיין אין די האלס און שטיבער א גאנצער נאכט, סיי ביי יונגלעך, סיי ביי בחורים, און סיי ביי מיידלעך, והבא לטהר מסייעין לו.

נז. די אלע וואס דרייווען ווערען געבעטען אין זעגען מחויב עפ״י התורה ווען זיי גייען אוועק פון קאר נישט איבערלאזענדיק קיין בעל אחריות אינעווייניג, זאלען גיט פארמאכען די טירען אין פענסטערס, בפרט ווען זיי קימען אין קאנטריס אדער קעמפס, צו פארמיידען אומגליקען, אין אודאי ח״ו נישט איבערלאזען די שליסעל אינעווייניג.

נח. עס איז פארהאנען אזעלכע וואס טוען אפדעקען דעם קערפער זיך אפציברוינען פין די זוהן, דאס איז לכאורה קעגען ש״ע (או״ח סי׳ ב׳). אויב עס פעלט אויס צו געזונטהייט זאל מען פרעגען א שאלת חכם.

## התעוררות לצניעות!!!

עס איז ליידער גיט באקאנט פארען ברייטען חרידישען ציבור די געוואלדיגע גרויסע פירצה וואס האט זיך ארייגעכאפט אין היימישע שטיבער, צו טראגען לאנגע קליידער ביז דער ערד המכונה ,,גאו״ן״ (Gown), אויף אידישע שמחות!

מורי ורבותי! לאמיר זיך אליין באטראכטען ווי מיר האלטען! דאס ווייסט יעדער אז פאר אסאך יארען צוריק האט זיך קיינער נישט געקענט פארשטעלען אינעם ווילדסטען חלום אז מיט אזא מין לבוש וואס דער בעל דבר האט ערפינדען אין פאריז (פונקט ווי אלע אנדערע מאדעס) אין צישפרייט ביי די גוים להבדיל, זאל זיך א כשר׳ע אידישע טאכטער, א אייניקעל פון אונזערע הייליגע אבות אברהם, יצחק, ויעקב, זיך קענען מיט דעם אנקליידען, אין דערפאר ווען מען האט געזען איינעם אזוי געקליידעט איז דאס נישט געווען מער קיין צווייפעל אז דאס מיז זיין א גויטע, גיט א קיק ווי ווייט מען

איז געזינקען אז מען שעמט זיך נישט צו גיין מיט דעם, בפרט אויף שמחות, עס איז זייער באוואוסט דאס הייליגווארט פין גארליצער רב זי"ע וואס פלעגט זאגען, וויאזוי ווערט באשאפן א מאדע? דער בעל דבר איז ממציא א פריצות'דיגען לבוש, און טיט זיך אהן מיט דעם, און שפאצירט אדארך די פאריזער גאסען, אין א טאג שפעטער איז דאס שוין צישפרייט אין די גאנצע וועלט, דאס הייסט מאדע!

היינט שטעלט אייך פאר ווי מיר האלטען אויף די וועלט! מיט די מלבושים ווערען געקליידעט אידישע טעבטער פין גאר היימישע שטיבער, אין טאקע אויף אידישע שמחות, שומו שמים!! יעדער זיכט דאך אוודאי אז ביי זיין שמחה אין חתונה זאלען ערשיינען זיינע זיידעס (כמבואר בזוה"ק ובשאר ספה"ק) היינט ווי קענט איר זיך פארשטעלען אז די הייליגע געלייטערטע זיידעס פין יענע וועלט וואס זענען אומגעקימען אויף קידוש השם טאקע פין די גוים רוצחים בני עשיו, זאלען קענען שטיין רוהיג אין ציקיקן ווי אלע מחתונת'טעס אין אנדערע געסט זענען גוי'ש געקליידעט לויט די מאדע וואס מען האט זיך אפגעלערנט פין די גוים אין רשעים וואס האבען זיי אומגעברענגט.

איז קיין קלער נישט דא אז די עלטערן פין יענעם עולם דרייען זיך אויס און גייען אוועק, פוהל מיט עגמת נפש אין צער טראכטענדיג דאס זענען אונזערע פירות? דאס זענען טאקע אונזערע קינדער? איז דאס טאקע די קינדער וואס מיר האבען זיך נאך זיי געטרייסט ווען מען האט אונז לעבעדיגערהייט פארברענט אויף די שטייער הויפנס? טראבטענדיג אז עפעס א אנדענק וועט באטש איבערבלייבען!

וואלט מען געהאט הייליגע אויגען וואלט מען געזען קלאר דאס גאנצע בילד אין דאס וואלט זיבער צישטערט די גאנצע פרייד פין די מחותנים, נאר מיר האבען נישט די זכי' דאס צו זעהן, אבער גלייבען גלייבט יעדער אז די הייליגע אבות וואס האבען זיך מוסר נפש ביי זייער לעבען אויף יעדען דקדוק קל של דברי סופרים, כ"ש אויף א לבוש וואס איז אסור מכח חוקת הגוי, וואס דער הייליגער חת"ס אין אנדער ספרים שרייבען **אז דאס ברענגט רח"ל צו שמד, און צו ווערען גוים**, השם ישמרנו. האבען פון דעם געוואלדיגען צער.

דער גאון וצדיק ר' שלמה קלוגער שרייבט (שו"ת טוטו"ד קמא קפ"ח) אז די וואס טראגען גוי'שע מלבושים **ווערען** פאררעכנט **פונקט ווי גוים**, דער שו"ת בית שלמה (ח"א יור"ד קצו) שרייבט אז דאס איז דער ערשטער גורם מען זאל ווערען אויסגעמישט צווישען גוים רח"ל.

מיר ווילען ערקלערן דא א ווינדערליכע רעטעניש וואס ערליכע אידען פלאגן זיך שוין לאנג צו פארענטפערן פארוואס געוויסע נשים צדקניות האלטען נישט ביים אנטוהן ערליכע באשיידענע מלבושים, וויפיל דער מאן זאל בעטען בתחנונים, אפילו מען זאל איר איבערצייגען פיהל מאל אז זי קויפט איין פאר זיך און די קומענדיגע דורות עולם הבא [ווייל די קינדער וואקסען נאך די עלטערן געוועהנליך] אלעס העלפט נישט, קוים ווערט דאס א מאדע, דארף מען אפלו איין ווארט נישט זאגען אין אליינס טיט מען זיך מיט דעם קליידען??

דער ענטפער ווילען מיר געבען, ווילאנג דאס איז נישט א מאדע לאזט נישט דער יצה״ר, אט ווערט דאס א מאדע בעט זיך דער יצה״ר מען זאל דאס אנטוהן!

נאר דער קשיא בלייבט נאך אלץ שווער וואס פאר א הנאה האט דער בעל דבר צו מאכען פין א ערליכען לבוש א מאדע? דער תירוץ לערנען אונז די חז״ל (ב״ב פ״א), דער בעל דבר האט געוואלדיג גרויס אינטערעס אין דעם ווייל דארך דעם ווערט דער קטרוג אסאך גרעסער אין הימעל, מיט די טענה הייתכן ביז יעצט האט מען נישט געקענט? נאר אלס מאדע קען מען?

אויסער דעם האט דאס אן אנדער באדייטונג, צו פארבלענדען די אויגען, אז דער מאדע באדייט נישט אלס פריצות (שוחט משום מאי מחייב? משום צובע!, כל שקר שאי״ב קצת אמת, אינו מתקיים!)

יעצט בארעכנט אייך אידישע טעכטער וואס דארפען ציעהן די הייליגע קייט, פין די פריערדיגע דורות וואס פארא פנים וועט מען האבען נאך הינדערט צוואנציג יאר פאר די אייגענע עלטערן אין צדיקים, זיי ווילען דאך נישט קענען קיקען אין פנים אריין, וואס מען האט זיי פארשעמט אזוי שטארק זייענדיג אויף דעם עולם, אוועקגעטריבען מיט די אייגענע הענט פין די שמחות, אין מצער געוועזן זייער נשמות, חוץ דעם וואס מען היט אפ פאר די קינדער אזוי ווי דער חפץ חיים ז״ל שרייבט אז אלע צרות פין קליינע קינדער נעמט זיך פין דעם.

דערפאר דארף מען וויסען יעדע פרוי וואס גייט מיט די סארט קליידער אדער קירצע קליידער, נעמט א חלק אין די אומגליקען וואס פאסירט לײדער לעצטענס זייער אפט, מיט קליידער קינדער ד׳ ירחם.

אין דעם זכות וואס מיר ווילען מקבל זיין זיך אויפציפירען ערליך אידיש בצניעות, ווילען מיר אויסגעלייזט ווערען בקרוב.

## מודעה א


### שלום יודא גראס

רב דקהל „מגן שאול" ד„האלמין" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי'" „מבון להוראה בשחיטות ובדיקות"

בעהמח"ס: חינוך ישראל סבא (מדריך לחינוך הבנים והבנות), מדריך לצניעות, מנחת יהודה, (על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק"), נפש ישעי' על מאבלות אסורות (ה"ח), גידולי יהודה (על הלכות ציצית), קדושת ישראל (על הלכות יחוד), מזוזת שלום (על הלכות מזוזה) וש"ס.


# די אומגליקען וואס קומען פון „פוטער מאנטלען"

עס איז ליידער שטאַרק צעשפּרייט געוואָרען ביי היימישע אידען שומרי תורה ומצות אַז זיי לאָזען די ווייבער זיך קליידען מיט טייערע פוטער „מאַנטלען" („Fur Coat") עס איז איבריג צו זאָגען אַז נאָך אין דער אַלטער היים אין איירָאפּע איז געווען באַוואוסט ביי אַלע אידען אַז דאָס איז אַ בגד של פּריצים, און אַזוי איז געווען אָנגענומען אין אַלע אידישע קרייזען, דערפאַר קלינגט טאַקע אומגלויבלעך, אַז דאָ אין אַמעריקע האָט זיך דאָס רעדל אַדריי געטוהען און די מאָדע האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו גאָר היימישע אידען, נישט קיין חילוק אָרעם אָדער רייך.

שוין אָפּגערעדט פון דעם וואָס עס ווערט פאַרשווענדעט אויסגעהאָרוועטע אידישע געלטער אויף אַזעלכע איבריגע קליידונגען, וואָס מיט דעם געלט האָט מען געקענט מחי' זיין צענדליגער אידישע נפשות אין ארצנו הקדושה. וואָס גיין ממש אויס פון הונגער, און קוקען אַרויס נאָך יעדע פּרוטה וואָס מען שיקט זיי פון דאַנעט.

וויפיהל הערצער פון חתנים וכלות וואָלט מען געקענט דערפרייען מיט די געלטער, וואָס ווערען פאַרשווענדעט אויף די לוקסוס מאַנטלען? וואָס ליידער איז דאָס נישט קיין זעלטענע ערשיינונג אַז צוליב געלט מאַנגעל ווערען אָפּגע-שטופּט חתונות אויף חדשים און יאָרען.

הונדערטער ליידענדע וואָס קענען נישט צוקומען צו די נויטיגע מעדעצינישע הילף און קענען זיך נישט ערלויבען אונטערזוכט צו ווערען דורך פּראָפעסאָרען, וואָס פעלט זיי אויס ממש צו דערהאַלטען דאָס לעבען, אַלעס צוליב זייער געדריקטען געלט מצב.

וויפיל עלטערען מוזען שיקען די קינדער אַרבעטען פריצייטיג און רייסען זיי אָפּ מיט געוואַלד פון דער גמרא, שיקן זיי אַוועק פאַרשוואַרצט צו ווערען ביי דער אַרבעט, ווייל די עלטערען זענען צעבראָכען, און קענען נישט אויסהאַלטען דעם ריזיגען דעפיציט?

וויפיל כולל יונגעלייט האָבען געמוזט צומאַכען די גמרא און גיין אַרבעטן,

כדי צו קענען נאָכקומען דאָס **לוקסוס שטייגער לעבען** וואָס די יודענע וויל נישט פאַרציכטען, וואָס אין דעם נעמט דער „פאר קויט" דעם גרעסטען טייל, פון די טויזענטער דאָלערס וואָס מ'באַצאָלט פאַר אַ ,פאָר קאויט", וואָס פון דעם געלט וואָלט אַ כולל יונגערמאַן געקענט זיך אויסלעבען בהרחבה אַ קיילעכדיגען יאָר.

דערפאַר חשובע אידען פאַרגעסט נישט דעם עיקר תכלית פון לעבען אַרויסצוהעלפען אַנדערע אידען אין זייער נויט, צו ערמעגליכען עלטערען חתונה מאַכען זייערע קינדער, און מחי' צו זיין צובראָכענע הערצער וואָס האָבען נישט פון וואו דורכצושטופען זייער טאָג טעגליכען בחדשעט. און דער הויפּט אייער אייגענעם לעבען און געזונט וואָס ווערט רואינירט דורך אָנשטרענגען זיך און אַרבעטען ווי אַ פערד מיט „אָווער־טיים" כדי צו קענען נאָכקומען אַלע וואַבערישע פאַרלאַנגען.

מיר קענען אויסרעכענען פאַרשידענע אומגליקען וואָס האָבען פּאַסירט די לעצטע פּאָר צענדליג יאָר, מענטשען האָבען געליטען פון שווערע האַרץ אַטאַקעס, דורכען אָנשטרענגען זיך מיט אַרבעטען אָווער־טיים צו קענען נאָכ־קומען די לוקסוס פון „פּאָר קויטס" וואָס די יודענע האָט נישט געוואָלט פאַרציכטען, צענדליגער שלום בית'ער זענען צושטערט געוואָרען דורכען לוקסוס געיאג, צענדליגער יאָרען זענען אָפּגעשניטען געוואָרען פון מענטשענ'ס לעבען דורך רעגעניש און האַרץ עסעניש וואָס די „פּאָר קאויטס" האָבען פאַראורזאַכט.

דעריבער אויב איהר ווילט אָנפירען אַ רואיג כשר אידיש לעבען מיט געזונט און לאַנגע יאָרען פון אמת'דיגע פרייד און זעהען אידיש נחת ביי די קינדער און אייניקלעך, איז דער איינציגער וועג צו פאַרציכטען אויף די „פּאָר קויטס" און אַזוי אויך אויף אַלע אַנדערע מותרות.

אויסער די אַלע אויבענדערמאָנטע סיבות נישט צו טראָגען קיין „פּאָר קאויטס" מוזען מיר באַמערקען אַז גלייכצייטיג איז דאָס אויך פאַרבאָטען לויט דער הלכה, אַזוי ווי עס ווערט געברענגט אין שו"ת דברי חיים (ח"א יו"ד סי' ל') אַז אַ פרוי וואָס גייט מיט דעם לבוש איז עובר אַן איסור פון דער תורה הק', אין די צייטען פון בית המקדש וואָלט זי באַקומען 39 קלעפּ מיטען לעדערנעם קאַנטשיק.

נאָך שרייבט דער צאַנזער צדיק זצ"ל (שו"ת דברי חיים ח"ב יו"ד סי' נ"ח) מיט שאַרפע ווערטער אַז אַ פּריצות'דיג בגד טאָר אַ אידישע טאָכטער נישט גיין געקליידעט מיט דעם.

דער הייליגער דזשיקעווער זצ"ל שרייבט (שו"ת אמרי נועם יו"ד ח"ב סי' ט"ז) דאָס מען זעהט בשיינפירליך אַז דאָס גאַנצע אידישקייט הענגט פאָלקום אויף דעם.

דאָס זעלבע שרייבען אויך אַנדערע גאונים וצדיקים זצ"ל (שו" משיב הלכה יו"ד סי' ז' וסי' ח', ערך ש"י יו"ד סי' קע"ח) דערפאַר דאַרפען וויסען די אַלע וואָס טראָגען די ,פּאָר קאויטס" אַז דאָס אחריות פון עקזיסטענץ פון אידענטום ליגט אויף זייערע פּלייצעס.

געדענקט ברידער! אַלע אומגליקען קומען פון פּריצות (חפץ חיים באגרת, ר"ה קאלאמאייער בכל ספריו, ספר מחנ"ק), און נאָר דורכען זכות פון צניעות ווערט מען באַשאָנקען פון הימעל מיט גליק און פרידען און אַסאַך אידיש נחת.

מודעה ב

# די וויכטיקייט פון כשר'ע מזוזות

## אַ רוף צו רבנים

פון הרב שלום יהודה גראָס

רב דקהל „מגן שאולי" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי", ברוקלין, ניו יאָרק

בעמח"ס **נפש ישעי** על מאכלות אסורות (ה"ח), **מנחת יהודה** על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק", **מדריך לצניעות** על עניני צניעות, ועוד.

### אינהאלט

א. אַ רוף צו תשובה ........ יט
ב. סדר התשובה ........ כ
ג. סדר התענית ........ כ
ד. דער תיקון ווען ספרי תורות ווערען פאַרברענט רח"ל ........ כב
ה. פסולע ספרי תורות ........ כג
ו. און אויפרוף צום ציבור ........ כג
ז. פערציג טויזענט אידען האָבען געלייגט פסולע תפילין ........ כד
ח. נישט ערליכע סופרים ........ כו
ט. מענטשען גייען אין פּאַפּירענע תפילין ........ כו
י. תפילין סעט – און מזוזה סעט ........ כו
יא. תקנה קעגן וואַקסענדע מכשולות
אויפרוף צו ראשי ישיבות און מנהלים ........ כז
יב. די תפלין האָבען אים געהאָלפען מיט קינדער ........ כח
יג. די מורא'דיגע טראַגעדיע – דורך נישט באַקוקען די מזוזה! . כט
יד. מדה כנגד מדה ........ כט

## – א –

### א רוף צו תשובה

די לעצטע פּאָר יאָר האָט פּאַסירט פילע אומגליקען פיזישע און גייסטישע, צענדליגע ספרי תורות זענען ל"ע פאַרברענט און גערויבט געוואָרען, ווי אויך הינדערטער פּאָרען תפילינ'ס, מיט אַנדערע ספרי קודש אין ווערט פין שווערע טויזנטער דאָלאַרען, צוזאַמען מיט אַ רייע בתי מדרשים, ישיבות, און תלמוד תורות, ווי דער קול תורה ותפלה האָט אָפגעקלינגען פין פאַרטאָגס ביז די שפּעטער נאַכן שעה'ן, זענען טאָטאַל פאַרניכטעט געוואָרען ל"ע.

אידען מאמינים בני מאמינים ווייסען און גלייבען אַז קיין שום פּאַסירונג אָדער אומגליק ח"ו איז נישט קיין צופאַל בפרט ביי אומגליקען ביי תשמישי קדושה נאָך דערצו אין אַזאַ גרויסען פאַרנעם אַזוי אָפט.

דער הייליגער רמב"ם שרייבט אין אָנהייב הלכות תענית אַז די ווערטער „אם תלכו עמי קרי" וואָס שטייט ביי די תוכחה באַדייט, דאָס אויב מען וועט אָנהעגגען די אומגליקען וואָס ווערען צו געשיקט פין הימעל אַז עס איז בלויז אַ צופאַל, דעמאָלס פירט אויס דער פסוק ווייטער וועט השי"ת מערען צו שטראָפען ח"ו.

קומט אויס לויטן רמב"ם (וואָס איז ווי באַקאַנט פון אונזערע גרעסטע הלכה אויטאָריטעטען), אַז דער שטראָף פאַר נישט באַרעכנענען זיך באַצאַטענס ווען עס פּאַסירט ח"ו ל"ע אַ פּלוצלינגדיגען אומגליק, און טוהן הלכה למעשה צו פאַרעכטען דעם פעלער וואָס האָט צו געברענגט דעם טראַגעדיע, לויט די אָנווייזונגען פין די ספרים הקדושים וואָס זענען געווידמעט אַרויסצוגעבען דעם אורטייל אויף יעדען סאָרט אומגליק ח"ו וואָס מען דאַרף זיך פאַרנעמען ביי זיך און ביי די גאַנצע בני בית אויף להבא.

צ.ב.ש. א) אויב ח"ו עס פּאַסירט אומגליקען ביי קליינע קינדער וואָס זענען רייד פון זינד, דאַרף מען ערשטענס באַקוקען די מזוזות, שבת לב:. ב) דערנאָך דאַרף מען שטאַרק נאָך קאָנטראָלירען אויב די אייגענע ציצית און אויך פין די קינדער זענען געמאַכט הונדערט פראָצענט עפ"י הלכה (טו"י, שזירה לשמה, מצמר), (שבת לב: ועיין בספרי גדולי יהודה על ה' ציצית באריכות). ג) דאַרף מען נאָך קאָנטראָלירען די עסענס וואָס מען פיטערט דערמיט די קליינע קינדער ווי „סימילאק" (Similac) און אַנדערע פורמולאס, (אַחוץ ביי **„פיקוח נפש"**) ווייל ווי באַוואוסט זענען זיי געמאַכט פון „חלב עכו"ם" און ענטהאַלטען אויך אַ מישונג פון „חֵלֶב" (אויסער סויאלאק און isomal וואָס איז געמאַכט

פון געוויקסען וואָס זענען ריין פון „חלב עכו״ם״. וועגן אַנדערע חששות זענען מיר נישט אינפאָרמירט). ועיין בספרי מנחת יהודה באריכות.

ד) דאָס גלייכען דאַרף מען גוט דורכשטודירען אַלע שפייז פּראָדוקטען וואָס קומען אַריין אין שטוב סיי פאַר קינדער סיי פאַר ערוואַקסענע אויב עס איז טאַקע ריין הונדערט פּראָצענט פון אַלע חששות אין כשרות, איינגעשלאָסען גלייכצייטיג די ערנסטע חשש פון ווערים וואָס איז זייער אַקטועל ביי אַסאַך פּראָדוקטען צ.ב.ש. מעל, לאָקשען, און פערפעל, רייז, איבערהויפּט זימער דאַרף מען זיין זייער פאָרזיכטיג זיי נישט צוה אַלטען אויף אַ וואַרעם פּלאַץ ווייל די וואַרעמקייט פאבריצירט ווערים, אפילו דאָס שאַכטעל איז פאַרמאַכט.

ע״כ איז די עצה דערצו: זימער צו האַלטען אין רעפריזשערעיטער, און ווינטער צו האַלטען פאַרמאַכט אין גלאזענע באטליך, אפילו באנדליך איז אויך וויכטיג צו האַלטען אין גלאזענע כלים, די פאָלגענדע גרינצייג און פרוכט דאַרף מען בודק זיין פאַרען עסען: 1. ברוסל ספּארט, 2. גרינע ארבעסן, 3. לעטערס (סאלאט), 4. מאלינעס (רעסבעריס), 5. ניסען, 6. קשו־ניס (Cashew-Not) טאָר מען נישט עסען גאַנצער הייט נאָר מען זאָל דאָס צונעמען, און זאָל באַקוקען צו עס איז אינגאַנצען זויבער, און אויב ער וועט טרעפען שוואַרצע פינטלעך דאַרף ער דאָס אַראָפּ נעמען ווייל דאָס איז ווערים (ח״א) 7. ספינאט, 8. קאליפלאר, 9. קרויט, 10. שוועמלעך (מאשרום). (ועיין בספרי נפש ישעי׳ עמוד רפ״ט באריכות, ובספרי דיני דגים ותולעים שיצא לאור בקרוב).

ה) מען טאָר אויך נישט פאַרגעסען דעם וויכטיגען פרט פון צניעות וואָס האָט זייער אַסאַך צו זאָגען אויף אַלע סאָרטען אומגליקען (חפץ חיים באגרת הידוע, ר״ה מקאלאמייע בכל ספריו, ועיין בספרי מדריך לצניעות באורך נפלא).

— ב —

## סדר התשובה

כדי דער ברייטער המון זאָל האָבען אַ שטיקעלע באַגריף וואָס דאָס באַדייטען די אַלע תעניתים וואָס ווערען געברענגט אין די פוסקים, ווי אויך אין די מוסר ספרים, און די ערשטע רייען פון די סידרי התשובה, וואָס פון דעם קען מען זיך אויפדרינגען אַז דער קלימאַקס פון תשובה איז צו פאַסטען, בפרט ווערט דאָס אויסגערעכענט ערשט אין אַלע תשובה ספרים ווען עס מאַכט זיך ח״ו אַ בזיון פון אַ ספר תורה צ.ב.ש. אַ ס״ת וואָס איז אַראָפּגעפאַלען ח״ו, (עיין במג״א או״ח סי׳ מ״ד, ועיין עוד בשו״ת אבני צדק, אמרי א״ש או״ח סי׳ ו׳, באר משה ח״ד, באר שבע דף ל״ז, בית היוצר סי׳ י״ד, ברכ״י יו״ד סי׳ רפ״ב, דברי חיים יו״ד סי׳ נ״ט, הרי בשמים מהדו״ת קל״ט, זכור לאברהם ערך ס״ת,

חיים שאל סי׳ י״ב, מהר״י הכהן סי׳ ל״ז, משנה הלכות ח״ד סי׳ ק״ל, נפש חי׳ ועוד (ובספר מנחת ש״י הארכתי בזה באריכות), אָדער תפילין וואָס איז אַראָפּ־געפאַלען, און אפילו מזוזות לויט טייל פוסקים (ועיין במזוזות שלו׳,) אין דער גרעסערער חלק פון די תשובה געווידמעט ווי אַזוי אומציגיין וועגען פאַסטען, האָב איך געהאַלטען פאַר אַ רעכטע שריט צו ציטירען פון די דברי חז״ל (תענית יב, רמב״ם ה׳ תענית פ״א ה׳ י״ז) טואו״ח תקס״ט, תקע״ה) וואָס טועהן אונז ערקלערען וואָס זענען די מאָטיוען פון גוזר תענית זיין.

— ג —

## סדר התענית

אין דעם באַשטימטען פאַסט טאָג וואָס מען האָט גוזר געווען אויפן ציבור זענען זיך צוזאַם געקומען אין ביהכ״נ בי״ד און די זקנים צוזאַמען מיטן גאַנצען ציבור דאָס ערשטע האָבען בי״ד און די זקנים אונטערזוכט און געפאָרשט אַלע מכשולות וואָס עקזעסטירט אין די שטאָט, דאָס האָט געדארט אַ האַלבען טאָג, און זיי האָבען מתקן געווען תקנות אָפּצוטוען אַלע מכשולות פון עבירות.

דער בי״ד דאַרשענט און וואָרענט און פאָרשט נאָך די אַלע **וואָס רויבען געלטער, און טועהן זיי אָפּשיידען פון כלל ישראל, דערנאָך שטאַרעמען זיי אויף די געוואַלד׳ס מענטשען וואָס טעראָריזירען יעדען וואָס איז אין וידערשפראָך מיט זייערע פרענציפען און ווילען נישט אויספאָלגען זייערע פאַרלאַנגען,** טוט זיי דאָס בית דין שטאַרק דערנידערען, דאָס זענען די פונקציעס פון ערשטען האַלבען טאָג. דעם צווייטען האַלבען טאָג לייענט מען אין די תורה מענינא דיומא און מען דאַווענט און מען זאָגט ווידוי און מען טוט תשובה.

פון די הייליגע ווערטער פון די חז״ל קענען מיר זיך פיהל לערנען, 1. ערשטענס אַז דאָס עצם פאַסטען איז בלויז אַ טפל פונעם סדר היום, 2. דער עיקר איז תשובה טוהען אינערליך מיט חרטה געפילען אויפן עבר, און אַ פעסטען באַשלוס אויף להבא, 3. דער צענטראַל פונקט פונ׳ם יום התענית איז די אויפגאַבע פון די פאָלק׳ס מנהיגים ורבנים גוט נאָכצופאָרשטען אַלע עבירות וואָס זענען אַקטועל און דער צייט פון די טראַגישע געשעהנישען, 4. נאָך טוהען מיט אנטנעמען פון די גאָלדענעם לשון פון רמב״ם, אַז דאָס רויבען און טעראָריזירען איינער דעם אַנדערען וועגען אייגענע פאָליטישע אינטערעסען, בפרט ווען עס האַנדעלט זיך וועגען פון אנשים מכובדים מנהיגי העדה איז שקול קעגען אַלע אַנדערע עבירות.

יעצט טייערע אידען! לאָמיר ערנסט אַ טראַכט געבען צו זענען מיר טאַקע יוצא אַ יום התענית מיט פאַסטען בלויז, און דער צייט וואָס די גמרא מיטן

רמב"ם מיטן טור פאַסקענען אַלע אַז דאָס איז בלויז אַ טפל און דער עיקר איז דאָס אויבענדערמאָנטע, און קיינער איז נישט מחולק דערויף.

ע"כ איז לפחות יעדער יחיד פאַר זיך מחויב זיך מתבונן צו זיין פאַרוואָס האָט השי"ת צוגעשיקט די לעצטע צייטען אַזויפיהל טראַגעדיעס נאָכאַנאַנד, און מתקן זיין ביי זיך אין שטוב ווי ווייט מעגליך אַלע הינזיכטען וואָס נויטיגען זיך פאַרבעסערונגען. צ.ב.ש. לאָזען בודק זיין די מזוזות, און תפילין, (זע ווייטער בשם הגה"ק ר"י גרינוואַלד) און אויך ספרי תורות וואָס זענען ליידער זייער פעלער האפט, און די אַלע אויבענדערמאָנטע זאַכען, כדי צו פאַרגדינגערען פאַרען יחיד האָבען מיר צוזאַעם גענומען אויף איין פלאַץ די מכשולות פון כשרות און צניעות, מיט מזוזות, ציצית, חינוך, און אָפּגעדריקט מיט די פאָלגענדע נעמען, א) נפש ישעי', ב) מנחת יהודה, ג) קדושת בנות ישראל, ד) מדריך לצניעות, ה) חינוך ישראל סבא, ו) מזוזת שלו' על ה' מזוזה, ז) גדולי יהודה על ה' ציצית, ח) מנוחת שלו', ט) הלכה למשה על מכשולות שונות, י) שו"ת זבחו זבחי צדק על יו"ד ח"א, ועוד.

צי דעם צוועק האָבען מיר גערעכנט פאַר פּאַסיג צו ציטידען די אָנווייזונגען פון הגה"צ המ"פ ר"י גרינוואלד זצ"ל, ווי אַזוי זיך צו פיהרען אין די צייט פון שריפות ספרי תורה רח"ל.

## – ד –

## דער תיקון ווען ספרי תורות ווערען פארברענט רח"ל

אין שו"ת זכרון יהודה פון הגה"ק מוהד"ר יהודה גדינוואלד אבדק"ק סטמאר זצ"ל (ח"א סימן מ"ד) שרייבט ער צו די שטאָט טאשנאד וואָס דאָרט זענען פאַברענט געוואָרען אין שנת תרע"א 2 ספרי תודות, עטליכע טלתים און תפלין, מיט סידודים און אַנדערע הייליגע חפצים, אַז די תיקונים אויסערען פאַסטען דאַרפען זיין דריי פאַכיג.

1. געוואָרענט זיין מעד מכבד צו זיין די תורה נישט צו שמיסען בשעת'ן ליינען (ועי' ספר ואמרו אמן על הלכות עניית אמן באדיכות שהדפסתי לפני 10 שנים).

2. יעדען עש"ק זאָל דער בעל קורא מגיה זיין די וואָכעדיגע סדרה אין דעם ספר תודה וואָס מען גייט ליינען דערין מאָרגען.

3. מען דאַרף לאָזען רופען אַ סופר סת"ם וואָס זאָל אַדום גיין אין אַלע אידישע שטיבער פון דער קהילה, און בודק זיין אַלע מזוזות און אויב מעגליך אויך אַלע תפילינס, די באַצאָלונגען פאַרען סופד זאָלען גענומען ווערען פון קהל'ס קאַסע וכו', עיי"ש באריכות.

## – ה –

## פסולע ספרי תורות

עס איז ליידער אַ גרויסער בזיון צו זאָגען, אַז אַ גרויסע פּראָצענט פון די בתי מדרשים האָבען פסולע ס"ת און אפילו פון די כשרע איז אַ גרויס חלק בשעת הדחק און בדיעבד, אַזוי אז עס קען אויסקומען טייל מאָל אַז מיט'ן נישט עולה זיין מפטיר טוט מען אַ גרעסערע עילוי נשמה פאַר די אבות ווי מען איז יאָ עולה, ווייל אויב דער ס"ת טויג נישט ח"ו דעמאָלס האָט מען געמאַכט 2 ברכות לבטלה חוץ דעם וואָס מען האָט נישט יוצא געווען מצות שמיעת און קרה"ת, דאָס קען אויך זיין אַן אורזאַך פון די פיהלע טראַגעדיעס ביי ס"ת וואָס מען ליינט אין פסולע ס"ת רח"ל, אַזוי זעט אויס פון דעם ערשטען תיקון וואָס הגה"צ ר"י גרינוואַלד זצ"ל שרייבט ווי פריער דערמאָנט.

דעריבער מאַכען מיר אַ אויפרוף צו אַלע רבנים, שמשים, גבאים, מיט ראשי קהילה, וואָס אויף זיי ליגט גענצליך דער אחריות פון די אַלע ברכות וואָס ווערען געמאַכט אויף די תורה, מיט'ן חיוב פון מצות קרה"ת, דאָס זיי זאָלען געבען זאפארט בודק און מגיה זיין זייערע ס"ת ביי אַ סופר מומחה ויר"ש מאוד.

**באַמערקונג!** עס קען פאַסירען אַז מען האַלט זיך אָפּ פון געבען בודק זיין די ס"ת בלויז צוליב געלט מאַנגעל, דעריבער איז די פאַסיגע עצה צוזאַמען נעמען די עקסטפּענסעס ביי די מתפללים וואָס וועלען גערען צו שטייער געבען פאַר אַזאַ חשובע מצוה, דערצו וואָס דער צוועק איז זיי זאָלען אויסגעהיט ווערען פון ברכות לבטלה.

## – ו –

## אַן אויפרוף צום ציבור

יעדער פריוואַט מענטש וואָס איז עולה צו די תורה, און באַמערקט דאָס מינדעסטע ענדערונג, צ.ב.ש. אותיות וואָס זענען רויט אָדער נאָך ליכטיגער, אָדער איין אות דירט צו דעם צווייטען, אָדער אַ אות איז אין מיט'ן אָפּגעהאַקט, אָדער עס פעלט תגין, אָדער אַן אות וואָס איז נישט געשריבען געהעריג, צ.ב.ש. אַן וא"ו וואָס זעט אויס ווי אַ רייש, אָדער אַ ענדע כ"ף וואָס זעט אויס ווי אַ רייש, אַ ה"י וואָס זעט אויס ווי אַ קו"ף, א.ד.ג. איז ער מחויב ע"פ תורה מעורר צו זיין דעם רב און די אַנדערע אָנפירער פון די קהילה אַז מען זאָל זעהן צו פאַרעכטען דעם ס"ת.

– ז –

## פערציג טויזענט אידען האבען יארען לאנג געלייגט פסולע תפילין

אין ספר שו״ת רב פעלים ח״ד סי׳ ב׳ ווערט געברענגט דאָס אין די גאַנצע שטאָט „באגדאד״ וואָס האָט באַזיצט 40 טויזנט פערזאָן העכער בר מצוה, רעכטע שומרי תו״מ, וואָס צוליב אום ווייסענקייט האָבען זיי יאָרען לאַנג געטראָגען תפילין וואָס זענען נישט געווען מרובע, (קוואַדראַט, די לענג און די ברייט אייניג) ביז עס איז אָנגקומען אַ איד און האָט דאָס אַנאַכט גענומען און תיכף מעורר געווען און אויפגערודערט די שטאָט, ביז די גאַנצע שטאָט איז געגאַנגען חאָדאָרם, עס זענען זאויפארט אָנגענומען געוואָרען ריכטיגע שריט צו פאַרעכטען דעם פעלער דורך הגה״צ ר׳ יוסף חיים בעל איש חי זצ״ל דער מרא דאתרא פון שטאָט. זעהן מיר פון דעם אַז בלויז די נאַכלעסיגקייט פון איין קליינעם פרט פון הלכות תפילין האָט צוגעברענגט אַזאַ גרויסען מכשול, וואָס האָט געפּאסעלט די גאַנצע תפילין.

און וויסען זאָלט איר אַז די דורות זענען גאָרנישט בעסער געוואָרען נאָר אדרבא פיהל ערגער, אַז די מכשולות גרייכען שוין איבערן קאָפּ.

דעריבער וועלען מיר ציטירען איינס באַ איינס די מכשולות וואָס זענען היינט צו טאָג אַקטועל ביי תפילין וואָס טייל דערפון קען דער פריוואַטער מענטש אויך נאָכקאָנטראָלירען און טייל מוז געטאָן ווערען אויסשלידלעך דורך אַ סופר מומחה ויר״ש.

1. **פּראָבלעם:** די תפילין זענען טייל מאָל נישט פּינקטליך קוואַדראַט.

**עצה:** אויסצומעסטען מיט אַ מילימעטער מעסטער אויב די לענג און די ברייט איז אייניג, אָדער אפילו מיט סתם אַ פּאַפּירעל ווי עס ווערט צוגעברענגט אין מ״ב (סי׳ ל״ב).

2. **פּראָבלעם:** דער תיתורה וואָס דאָס באַדייט דער אינטערשטע חלק פון תפילין דאַרף אויך זיין קוואַדראַט

**עצה:** דאָס זעלבע ווי נומער 1.

3. **פּראָבלעם:** די תפירה (די פּאָדעם מיט וואָס די תפילין איז צוזאַם גענייט דאַרף אויך זיין קוואַדראַט, און זייער אָפט איז דאָס נישט קוואַדראַט.

**עצה:** אַזוי ווי נומער איינס, דער ח״א זאָגט עדות אַז דאָס קען פּאַסירען אפילו ביי גיטע סופרים.

4. **פראָבלעם:** סיי דער קוואַדראַט פון נומער 2, סיי דער קוואַדראַט פון נומער 3, דאַרפען זיין סיי פון אויבען און סיי פון אונטען דאָס מיינט סיי דער תיתורה סיי די תפירות דאַרפען זיי קוואַדראַט אויבען און אינטען.

דער מ״ב שרייבט (סי׳ ל״ב ס״ק קע״ז) אַז ליידער בעווה״ר זייער אַסאַך מענטשען גיבען נישט אַכטונג אויף די תפילין אַז זיי זאָלען זיין געהעריג קוואַדראַט, און אפי׳ צווישען די מדקדקים במצות איז פאַרהאַנען אַזעלכע וואָס גיבען נישט אַכטונג נאָר אויף די אויבערע טייל פון די בתים עס זאָל זיין קוואַדראַט, אָבער זיי קוקען זיך נישט אום אויף די תיתורה, און אויף די תפירות וואָס דאָס איז אויך מעיקר הדין, און עס איז זייער גרינג צו פאַרעכטען.

5. **פראָבלעם:** אפילו די תפילין וואָס זענען געווען נייערהייט געהעריג קוואַדראַט אויב מען זעהט אַן ענדערונג צום ביישפיל די שפיצען זענען אָפּגעהאַקט אָדער די בתים זענען אויסגעבויגען אָדער די תיתורה איז אויסגעבויגען אָדער די תפירות זענען קאַליע געוואָרען דאַרף מען דאָס תיכף פאַרעכטען (מ״ב שם קפ״א).

6. **פראָבלעם:** טייל מאָל זענען די בתים אַליין נישט קוואַדראַט קלעבען די סופרים אַרויס אַ מין קאַלעך וואָס מאַכט קוואַדראַט די בתים (שו״ת נו״ב סי׳ א׳, חיי״א כלל י״ד אות ב׳).

**עצה:** דאָס בעסטע איז נישט צו קויפען נאָר ווייסע תפילין פאַרען פאַרבען און צו זיין מער געזיכערט זאָל מען דאָס נעמען צו אַ סופר ירא שמים וואָס פאַרשטייט צו בתים נישט ביי דעם ביי וועמען מען האָט דאָס געקויפט, טייל האָבען מורא צו קויפען ווייסע בתים פון א״י וויל ער וועט נישט האָבען ווי אַזוי צו פאַרבען, דעריבער זאָל מען וויסען אַז די סופרים פאַרבען תפילין.

7. **פראָבלעם:** עס איז אַ גאָר אָפטע ערשיינונג אַז די קריצען ביי תפילין של ראש זענען געפעלשט, דאָס הייסט אַז די עיקר הלכה איז אַז איין בית מוז זיין אָפּגעטיילט פון צווייטען מען זאָל דאָס גיט דערקענען, אַסאַך סופרים מאַכען אַ שווינדעל און זיי פאַרקלעבען די ריכטיגע קריצען און אויף דעם קלעב טוהען זיי אויספאָרעמען נייע שיינע קריצען, דאָס איז פסול (חיי״א ה׳ תפילין, בה״ל סי׳ ל״ב, מ). אַזוי איז פאַרהאַנען נאָך צענדליגע פראָבלעמען דעריבער איז די עצה צו קויפען די בתים פון אַ ירא שמים ומדקדק במצות, און דערנאָך געבען צו באַקוקען פאַר אַ סופר מומחה וירא שמים וואָס פאַרשטייט צו בתים

– ח –

## נישט ערליכע סופרים

דער חת"ס שרייבט (ח"ו סי' פ"ג) פאַר אַ רב נאָך אין זיינע צייטען אַז די סופרים פון זיינע צייטען זענען נישט בקי און זענען מכשיל הרבים און עס איז פאַרהאַנען הונדערטער ערליכע אידען וואָס האָבען נאָך נישט געלייגט אין זייער לעבען קיין כשר'ע תפילין און די רבנים מאַכען זיך נישט וויסענדיג אויף זיי, און אַזוי שרייבט אויך דער קסת הסופר אין נאָמען פונעם משנת חכמים.

דער חיי"א שרייבט אַז רוב סופרים אין זיינע צייטען זענען נישט קיין בני תורה אין אַ סאַך פלעצער האָט ער געזען אַז זיי האָבען נישט קיין יר"ש און אַלע זייערע מעשים איז בחזקת פסול און מען טאָר נישט קיין ברכה מאַכען אויף זייערע תפילין ומזוזות אפילו דער כתב איז מהודר ווייל זיי זענען נחשד אויף חק תוכות און שלא כסדרן.

נו! וואָס זאָלען מיר שוין זאָגען היינטיגע צייטען?

– ט –

## מענטשען גייען אין פאַפירענע תפילין

ליידער זענען פאַרהאַנען טויזנטער אידען וואָס גייען אַרום אַגאַנץ לעבען מיט בתים וואָס זענען געמאַכט פון פלעסטיק, אָדער האַרטע פאַפען דעקעל, דאָס קען פאַסירען אפילו ווען מען קויפט דאָס פון אַן אייגענעם קאָזען לויט ווי מיר זענען אינפאָרמירט. די איינציגע עצה אויף דעם איז צו קויפען דירעקט פונעם בתים מאַכער און נאָר דאַן ווען מען קען איהם אַלץ ערליכער איד און מדקדק במצות, דערנאָך זאָל מען עס הערשט ווייזען פאַר אַ סופר.

– י –

## תפילין סעט און מזוזה סעט

ברוך מזכיר נשכחות! איך בין געווען אַמאָל אין אַ ספרים געשעפט האָב איך געהערט ווי איינער קומט אַריין און פאַרלאַנגט אַ בר מצוה סעט! האָט איהם דער פאַרקויפער געפרעגט וויפיהל ווילט איהר ספענדען און לויטען פרייז האָט ער איהם פאַרקויפט פאַר בערך 25 דאָלאַר, שומו שמים!!! די בתים זענען זיכער געמאַכט פון פלעסטיק מיט פרשיות פון פאַפיר אָדער אינגאַנצען אָן אַ פרשיות, דער טלית איז אַ שאַל וואָס אפילו זאָל זיין כשר'ע מטריאל איז מען אויך נישט יוצא די מצוה (עי' מג"א סי' ח' וספרי גדולי יהודה על ה' ציצית)

כ״ש אַז די ציצית פונעם שאל זענען שטריקלעך, קומט אויס דער ס״ה פונעם גאַנצען פעקעל 3 ברכות לבטלה פון די ציצית און די תפילין, און נישט מקיים געווען אַ גאַנץ לעבען ציצית און תפילין, ווייל דאָס קען איך זאָגען אויף זיכער ווי אַלע פאַך לייט ווייסען גוט אַז תפילין מיט פרשיות וואָס מען צאָלט דערפאַר אפילו 35-40$ און נאָך מער איז נישט מעגליך עס זאָל זיין כשר. ווייל דער בתים מאַכער און דער סופר קענען דאָס בשום אופן נישט פאַר אַזאַ פרייז ערצייגען. און ליידער גייען טאָג טעגליך הונדערטער אידען איינקויפען אַ בר מצוה סעט ביי די גרויסע דעפאַרטמענט סטאָרס. ווי מען קען באַקומען די תפילינס אין אַלע פאַרבען, עס זאָל „מעטשען״ צום „סוט״, די סיבה איז ווייל דאָס עם הארצות איז זייער גרויס און די רבנים זענען נישט געגוג מעורר.

## – יא –

### תקנה קעגען וואקסענדע מכשולות
### אויפרוף צו ראשי ישיבה און מנהלים

לײדער וואַקסען אַרויס יעדען טאָג אַנדערע מכשולות און גלייכצייטיג וואַקסט דאָס עם הארצות מיט׳ן פולען טעמפאָ, דאָס אַלע ברענגט צו אַז די פסולע תפילין ומזוזות ווערען אַלץ מער און מער פאַרפּלייצט, און דאָס כלל ישראל נויטיגט זיך אַ באַלדיגען הילף זיך אַרויסצודראַפּען פון דעם שווערען געראַנגעל מיט די סופרים קלים וואָס פאַשפּרייטען פסולע תפילין ומזוזות, עס ליגט אַ פליכט אויף יעדען אייציגען בן תורה צו זוכען אַן אויסוועג ווי אַזוי מען רוימט אויס די פסולע תפילין ומזוזות, און מען היט אויס מען זאָל נישט נכשל ווערען ווייטער, איין עצה וואָס מיר טראַכטען פאַר אַ גלונגענע מען זאָל איינפירען אין די ישיבות מען זאָל לערנען מיט די תלמידים יעדעס יאָר מיט אַ שיכט פון בחורים אַלץ אַ זייטען שיעור הלכות סת״ם דאָס מיינט די גמרא מנחות טואו״ח שו״ע סי׳ ל״ב ביז סי׳ ל״ז גרינטליך.

די צורות האותיות זאָל געלערנט ווערען דורך אַ געניטען סופר ויר״ש אַזוי אַרום אַז ווען מען קויפט זיך תפילין אָדער מזוזות זאָל מען קענען מער ווייניגער אַליין באַמערקען אויב עס איז כשר אָדער פסול דאָס וואָלט געווען אַ געוואַלדיגע אויפטו אויף להבא.

וועגען פאַרגאַנגענהייט איז אַ שטיקעל עצה וואָס איז אַן הצלה פורתא מען זאָל זיך צוזאַמען נעמען אין יעדען ביהמ״ד אַפּאָר אידען לשם מצוה לזכות הרבים און צוזאַמען נעמען געלט און אויסצאָלען אַ סופר וואָס זאָל קומען אין ביהמ״ד אַריין אַוואָך אָדער מער לויט׳ן געברויך און יעדער מתפלל פון ביהמ״ד זאָל זיך ברענגען זיינע מזוזות און תפילינס בודק צו זיין, און דאָס איז אַ פליכט אויפן רב צו שאַפען די עסקנים.

– יב –

**די תפילין האבען איהם געהאלפען מיט קינדער**

עס האָט פאַסירט לעצטענס ביי אַ וויליאַמסבורגער איד (רוצה בעילום שמו) וואָס האָט לאַנגע יאָרען ל"ע נישט געהאַט קיין קינדער.

ויהי היום האָט ער זיך געגעבען בודק זיין די תפילין און שאקירט געוואָרען געוואָר ווערענדיג אַז דער וואָרט בניכם פון „למען ירבו ימיכם" האָט געפעלט טאָטאַל נישט לאַנג נאָך דערויף וואָס ער האָט זיך געקויפט נייע כשר'ע פרשיות איז ער מיט השי"ת'ס הילף געהאָלפען געוואָרען, **שמעו עמי בינה זאת!**

– יג –

**די מורא'דיגע טראגעדיע – דורכ'ן נישט באקוקען די מזוזה!**

די מעשה האָבען מיר ערהאַלטען דורך אַ דירעקטען טעלעפאָנישען באַריכט ומעשה שהי' כך הי', ביי אַ איד אין א"י אין בני ברק איז ל"ע פאַר קיינעם געדאַכט שטערבליך קראַנק געוואָרען אַ יונג קינד פלוצלינג, דער פאָטער'ס אַ גוטער שכן וואָס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהערט זייער פיהל פון רעבישע מופתים האָט תיכף אָנגעפרעגט איינעם פון די גרויסע חסידישע רביים אַן עצה, האָט דער רבי געלאָזט ענפערען מען זאָל זאפארט בודק זיין די מזוזות, דער שכן האָט דאָס איבער געגעבען פאַרען פאָטער און דער פאָטער זייענדיג אַ מתנגד האָט באַשלאָסען צו פרעגען זיינעם אַ ליטווישען ראש ישיבה אַ מפורסם'דיגער גדול צו ער זאָל פאָלגען די עצה, דער ראש ישיבה האָט פאַרדאַמט די עצה באַמערקענדיג מיט געציילטע ווערטער דאָס איז חסידישע מעשיות (ליידער איז אַ שטיקעל ב"י אין ה' מזוזה היינט צו טאָג אויך חסידות) אַז דאָס קינד איז קראַנק דאַרף מען גיין צו אַ דאָקטער און נישט מעהר.

ביז אַ קורצע צייט איז דאָס קינד ל"ע נעדר געוואָרען דער חסידישער שכן בעת ער איז געגאַנגען מנחם אבל זיין האָט ער פון גרויס אמונת צדיקים זיך נישט געקענט צוריקהאַלטען און אַראָפּגענומען די מזוזה אָן ערלויבעניש, שטעלט אייך פאָר וואָס ער האָט דאָרט געפונען? דער וואָרט בניכם פונעם פסוק למען ירבו ימיכם האָט געפעלט!!!

## – יד –

## מדה כנגד מדה

ענדליך צו די פריערדידיגע מעשה האָט פּאַסירט ביי אַ צווייטען איד אין א"י וואָס האָט געליטען זייער שווער אויפן האַרץ ל"ע האָט אים אַ רבי מייעץ געווען בודק צו זיין די תפילין ומזוזות טאָמער זענען זיי נישט אין אָרדענונג, וכך הוה! מען האָט געטראָפען אין איינעם פון די מזוזות אַז עס האָט געפעלט דער וואָרט ,,לבבך". האָט מען באַלד געטוישט די מזוזות און די מחלה איז געענצליך פאַרשוואונדען געוואָרען. די דאָקטורים האָבען זיך נישט געקענט גענוג אָנוואונדערען פון דעם פלוצלינגדיגען אומגעריכטען ענדערונג.

די מעשיות זענען באַלערענדע מוסר רייד פאַר אַלע ליידענדע, זיך נישט צו זוימען און זאפארט בודק זיין די תפילין און מזוזות ווייל עס קען מעגליך זיין ביי איינעם וואָס ער האָט באַנקראָטירט אַז עפּעס האָט נישט געטויגט מיט'ן וואָרט ,,מאדך".

איינער וואָס האָט שלאָפלאָזע נעכט, קען זיין דאָס וואָרט ,,ובשכבך" איז נישט כשר געשריבען.

איינער וואָס האָט ל"ע צער גידול בנים אָדער איז אַליין פרי אַוועק פון דעם עולם ל"ע, קען זיין אַז דער פסוק ,,למען ירבו ימיכם וימי בניכם" איז נישט כשר.

איינער וואָס די פרנסה גייט איהם עפּעס נישט, קען זיין אַז עפּעס טויג נישט מיט'ן ,,ואספת דגנך" וגו'.

איינער וואָס ליידט שטאַרק אויפן מאָגען, קען זיין אַז דער ,,ואכלת ושבעת" טויג נישט.

איינער וואָס דאָס קינד וויל נישט צו לייגען דעם קאָפּ צום לערנען, קען זיין אַז דער ,,ולמדתם אותם את בניכם" טויג נישט.

איינער וואָס האָט אַ פחד באַנאַכט פון גנבים, קען זיין אַז דער ,,בשבתך בביתך" טויג נישט.

איינער וואָס האָט געהאַט ל"ע אַן עקסידענט, אָדער ער האָט פשוט מורא אַרויס צו גיין אויף די גאַס, קען זיין אַז דער ,,ובלכתך בדרך" טויג נישט.

איינער וואָס האָט הרהורי אמונה אין בטחון מיט השגחה פרטית, קען זיין אַז דער ,,פן יפתה לבבכם" וגו' טויג נישט.

# אהלי ישראל

איינער וואָס האָט ל"ע נישט געהאַט קיין קינדער, קען זיין אַז דער ,,קדש לי כל בכור", אָדער ,,וימי בניכם" טויג נישט.

איינער וואָס איז שטאַרק נישט אַפּעטיטלעך צום לערנען, קען זיין אַז דער ,,ודברת בם" טויג נישט.

איינער וואָס עס קומט איהם אויס אַסאַך אַרום צו וואַנדערען און אַוועק צו זיין פון דערהיים, קען זיין אַז דער ,,ואבדתם מהרה מעל הארץ" טויג נישט.

איינער וואָס ליידט אויף האַנט ווייטאָג קען זיין אַז דער ,,על ידך" אָדער ,,על ידכם" טויג נישט.

איינער וואָס ער ליידט אויף אויגען ווייטאָג, קען זיין אַז דער ,,בין עיניך" אָדער ,,בין עיניכם" טויג נישט.

די אַלע זאַכען זענען נישט קיין כללים ווייל די פאַרבאָרגענע סודות וואָס ליגט באַהאַלטען אין יעדען שטראָך פון יעדען אות איז ווייט ווייט העכער פון אונזערע השגות, דעריבער קען מען נישט אויסרעכענען וועלכע פסול האָט אַ שייכות צו וועלכע אָנשיקעניש, יעדענפאלס איז מען מחויב על כל צרה שלא תבא זאפארט בודק צו זיין די מזוזות און תפילין.

אויב מען גייט קויפען תפילין אָדער אַ מזוזה זאָל מען געוואָרענט זיין צו קויפען אַ מזוזה נאָר ביי אַ ירא"ש, און עקסטער לאָזען באַקוקען ביי אַ צווייטען סופר ירא"ש און בודק זיין מינימום 2 מאָל אין 7 יאָר.

טייל קהילות האָבען געהאַט אַ תקנה אין דער אַלטער היים אַז יעדען חודש אלול מוז מען לאָזען בודק זיין די מזוזות און תפילין.

אין זכות פון די גרויסע מצוה וועלען מיר באַשירעמט ווערען פון אַלע צרות און זוכה זיין בקרוב צו די גאולה שלימה בב"א.

**נ.ב.**

**ווער עס האט אינטערעס צו זיין בכלל מזכה הרבים און העלפען אין די געוואלדיגע מצוה פון תפילין און מזוזות זאל זיך ווענדען טעלעפאניש אדער שריפטליך צו:**

RABBI S. GROSS
4711 — 12 Ane
Brooklyn, N. Y. 11219
Tel. 436-8086

מודעה ג

# די וויכטיקייט פון כשר׳ע מזוזות

## אַ רוף צו אַלע אידען

**פון הרב שלום יהודה גראָס**
רב דקהל „מגן שאול" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי'", ברוקלין, ניו יאָרק
בעמח"ס **נפש ישעי'** על מאכלות אסורות (ה"ח), **מנחת יהודה** על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק", **מדריך לצניעות** על עניני צניעות, ועוד.

לעצטענס האָבען מיר אַרויסגעברענגט אויף די שפּאַלטען פון דער חרד׳ישער צייטשריפט „די תורה וועלט", די נאַכלעסיגקייט פון נישט אומקוקען זיך אַז די מזוזות זאָלן זיין, בפרט אין די זומערדיגע וואוינונגען, אין קעמפּס, באַנגעלאָוס, האָטעלן, א. ד. גל., זיין געהעריג, כשר, ווייל ווי באַוואוסט, זיינען די מזוזות אין די זומער־פּלעצער מערסטען טייל נישט אין אָרדענונג. די סיבות דערפון זיינען פאָלגענדע:

א) געוויינליך איז דער דורכשניטליכער איד נישט אַזוי מדקדק אַרויפצושטעלן אַן איינגעקויפטע מזוזה אין דער זומער־וואוינונג, ווי ער טוט עס אין זיין שטענדיגער וואוינונג אַ גאַנץ יאָר, ווייל ער פאַרלאָזט זיך, אַז אויף 2 חדשים וועט כשר זיין די מזוזה וואָס געפינט זיך דאָרט.

ב) אַפילו דער וואָס איז שוין יאָ מדקדק און קלאַפּט־אָן אויך זומער אַ נייע, אייגענע מזוזה, זוכט ער אויך צו שפּאָרן געלט ווי ווייט מעגליך און ער קויפט פון די ביליגע מזוזות, וואָס זיינען 90 פּראָצענט פּסול (ועיין בספר נפש ישעי׳ ח"א עמוד צ"ט באריכות).

ג) טייל מיינען, אַז זומער פעלט בכלל נישט אויס קיין מזוזה.

ד) מען פאַרגינט זיך נישט צו קויפען אַ געהעריגע מזוזה, טראַכטענדיג אַז איבעראַיאָר וועט מען דאָס מוזען איבערלאָזען פאַר אַנדערע.

איצט, מורי ורבותי! לאָמיר מאַכען אַ שטיקל חשבון הנפש, וואָס די זומער־חדשים קאָסטען־אָפּ — די באַנגעלאָו קאָסט כמעט אַ טויזענטער. מ׳פּען אַהין און אַהער — בערך 150 ביז 200 דאָלער. אַנדערע עקספּענסעס, ווי עסנוואַרג און נויטיגע שטוב־זאַכען — בערך 300 דאָלער. טייל קינדער ווערן פאַרשיקט אין קעמפּס — בערך 500 דאָלער אַ קינד. ווער עס האָט מערערע קינדער בלעה"ר, גרייכט דאָס אין די טויזענטער. אַזוי אויך די וואָס ווערן, ליידער, באַראַבעוועט דורכ׳ן זומער — קומט צו אַן עקסטערן עקספּענס פון שווערע טויזענטער דאָלאַרען. חוץ דעם וואָס עס קען נאָך אַמאָל אָפּקאָסטען עגמת נפש און האַרץ־עסעניש, וואָס איז פאַרבונדען מיט גרויסע דאָקטאָר־בילס, א. ד. גל. — אָט אויף דעם אַלעם קאַרגט מען גאָרניט, אָבער ווען עס האַנדעלט זיך אין אַזאַ געוואַלדיג־גרויסער מצוה ווי מצות מזוזה, קאַרגט מען 10 אָדער 20 דאָלער, און מ׳קויפט זיך איין ביליגע מזוזות.

אַפילו דער וואָס קויפט שוין יאָ אַ געהעריגע מזוזה, פאַרגעסט זיך אַז די זומערדיגע מזוזה מוז מען אויך בודק זיין, פונקט ווי די פון אַ גאַנץ יאָר.

מיט גרויס פרייד קענען מיר מיטטיילען, אַז די התעוררות אין דער הינזיכט האָט אָפּגעקלונ־

געז אויף ווייט און ברייט איבער גאנץ ניו יארק, נאך מער—רבנים זיינען אויך נתעורר געווארן און האבען גע׳דרשנ׳ט פייערדיג אין זייערע דרשות וועגען דער וויכטיגקייט פון באזארגען זיך מיט הונדערט־פראצענטיגע כשר׳ע מזוזות, אפילו אין די זומער־וואוינונגען, און כ״ש א גאנץ יאר.

די רעזולטאטען פון דער התעוררות זיינען געוואלדיגע. א סך אידען האבען באלד ביים אנקום אין קאנטרי זיך גענומען צו די מזוזות, און ביים עפענען די מזוזות זיינען זיי שיער־ניט געפאלן חלשות — זעענדיג פאר זיך א שוידערליך בילד, א צורה פון א „מאנקי״ אויפגעמאלען אין דער מזוזה. אט דאס איז געווען דער גאנצער אינהאלט פון דער מזוזה דח״ל. אין דער זעלבער קאלאניע, ווען מ׳האט געעפענט א צווייטע מזוזה, האט מען געטראפען געדרוקטע אותיות אויף פאפיר. אן אנדערע מזוזה האט מען געטראפן גאנץ ליידיג, אן א ווערטער. דער סך־הכל פון דער באנגעלאו־קאלאניע, וואס באשטייט פון 30 משפחות בלע״ה, איז, אז קיין איין־איינציגע מזוזה איז נישט געווען כשר, און אזוי זיינען די באנגעלאוס באוואוינט געווארען צענדליגע יארן נאכאנאנד דורך אמת־היימישע אידען פון העכסטען קלאס.

אין א געוויסער באנגעלאו וואו עס איז מיט א יאר צוריק דערטרונקען געווארען א טאטע פון צוויי קינדער ל״ע, האט מען געטראפען א פסול׳ע מזוזה. אויך האט מען געטראפען ליידיגע מזוזה־שיידלעך אן מזוזות איבעוויינינג. עס זיינען אויך געפונען געווארען מזוזות מיט די אויפשריפטען „פרשנדתא״, „וויזתא״, „עשרת בני המן״ וכו׳. דאס האט זיך גענומען פון דעם וואס עפעס א קל האט צעשניטן א מגילת אסתר אין קליינע שטיקלעך און דאס פארקויפט אלס מזוזות.

על כן בעטן מיר פון די אלע וואס האבען נאך נישט בודק געווען זייערע מזוזות אין קאנטרי (ווי אויך פון א גאנץ יאר) — האט רחמנות אויף אייערע קינדער! אזוי ווי די חז״ל זאגען (שבת ל״ב ע״ב, טור ב״י ה׳ מזוזה יו״ד סי׳ רפה״ט) אז אין זינד פון מזוזה ווערען פארשניטען די לעבענס פון קליינע קינדער יונגערהייט ל״ע. האט רחמנות אויף זיך! ווייל די מזוזה איז א שמירה פאר אידען, וואו ער גייט און וואו ער קומט. אינטערעסאנט איז, וואס דער ב״י שרייבט (יו״ד ס׳ רפ״ה), אז דאס איז אן אפענער נס, וואס די וואס האבען נישט מזוזות אויף די טירן ווערן געשעדיגט און דער וואס האט יא א מזוזה אויף דער טיר ווערט נישט געשעדיגט!

צענדליגער אומגליקען האבען פאסירט אין פארלויף פון די לעצטע פאר יאר, באזונדערס אין די זומער צייטען, עקסידענטן ל״ע אן א שיעור, הונדערטער שטיבער זיינען בארויבעט געווארען; יונגע מענטשן זיינען ברוטאל דערמארדעט געווארען על קידוש השם אין האלד־אפס, און נאך פארשידענע אומגליקען וואס מען קאן נישט מיט געלט צוריקברענגען. און נאך איצט האט איר אלע ברירות צו ספענדען די פאר דאלער וואס עס דארף קאסטען א מזוזה און באשיינען די זומער־באנגעלאו מיט מהודר׳דיגע מזוזות פון ערשטן קלאס. דורך דעם זענט איר בעזהשי״ת פארזיכערט, צוזאמען מיט אייער הויזגעזינד, דעם גאנצען מעת־לעת מכל צרה שלא תבא ברוחניות ובגשמיות.

**RABBI S. J. GROSS**
**4711 12th Ave., Brooklyn N.Y. 11219**

מודעה ד

# די וויכטיקייט פון כשר׳ע מזוזות

## אַ רוף צו רבנים

**פון הרב שלום יהודה גראָס**

**רב דקהל „מגן שאול" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי'", ברוקלין, ניו יאָרק**

בעמח"ס **נפש ישעי'** על מאכלות אסורות (ה"ח), **מנחת יהודה** על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק", **מדריך לצניעות** על עניני צניעות, ועוד.

נאָך דעם אויפרוף, וואָס מיר האָבן אָפּגעדרוקט פאַרגאַנגענע וואָך וועגן די מכשולות פון פסול'ע מזוזות, איז דאָס גאַנצע וועלט־אידענטום אויפגע־טרייסעלט געוואָרן און ווי זיך אויפגעכאַפּט פון אַ טיפען שלאָף. לויט די פילע טעלעפאָנישע, שריפטליכע און פערזענליכע באַריכטען וואָס איך האָב באַקומען, זיינען מיר ערשטוינט געבליבען הערענדיג פון פיל מענטשן, אַז זיי וויסן אַפילו נישט אַז מען דאַרף בודק זיין אַ מזוזה. נאָך מער, מאַנכע לומדים האָבען אַפילו גאָרניט געוואוסט, אַז אין די זומער־וואוינונגען (קאַנטריס) דאַרף מען אויך האָבען אַ כשר'ע מזוזה, פונקט ווי אַ גאַנץ יאָר אין דער שטענדיגער היים.

דעריבער ליגט אַ פליכט אויף אַלע רבנים זיי זאָלען מעורר זיין זייערע בעלי בתים סיי די וויכ־טיגקייט פון בודק זיין מזוזות אויסשליסליך ביי אַ סופר ירא שמים מאוד, און סיי דאָס מען זאָל נישט קאַרגען קיין געלט און קויפען נאָר הונ־דערט פּראָצענטיגע מזוזות, וואָס זיינען כשר אויך לכתחילה.

כ"ק אדמו"ר מסאטמאַר שליט"א האָט מיט אַן ערך 16 יאָר צוריק שטאַרק פאַרדאַמט ביי אַ קאַנווענשאַן די גרויסע שטרויכלונג פון די פסול'ע תפילין ומזוזות, וואָס ווערן געדרוקט און געשריבען אין די שווערע טויזענטער, צוגעבענ־דיג דערביי, אַז ער האָט דאָס מיט זיינע אייגענע אויגן געזען, און ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז אַ גרויסער טייל פון דער פירצה ליגט אויפ'ן קאָפּ פון די רבנים וואָס זיי טוען נישט גענוג וואָרענען די בעלי בתים וואָס פאַר אַ מזוזות און תפילין צו קויפען און וואָס נישט. (ועיין בספרי נפש ישעי' ח"א עמוד ע"ט באריכות).

די פּראַקטיק האָט אונז איבערצייגט, אַז די בעסטע בדיקות ווערען געמאַכט ווען דער סופר וואָס איז בודק די מזוזה איז נישט דער זעלבער וואָס האָט דאָס פאַרקויפט, דאָס מיינט בקיצור: אַז מען דאַרף קויפן אַ מזוזה ביי אַ גרויסען ירא שמים, און נאָך דעם געבען בודק צו זיין איידער מען נוצט דאָס, פאַר אַ סופר ירא שמים.

גלייכצייטיג איז פון גרויס וויכטיגקייט, אַז די רבנים זאָלען ערקלערן אַלע איינצעלהייטען ווי אַזוי זיך צו פירען מיט'ן אַרויפלייגן די מזוזה, סיי צו וועלכער ריכטונג די מזוזה זאָל זיין גע־בויגען; ווען דאַרף מען מאַכען אַ ברכה און ווען נישט; ווי הויך די מזוזה זאָל ליגען, און וועלכע שטיבער זיינען מחויב אָדער פטור פון אַ מזוזה. (בקרוב וועט איה"ש ערשיינען דאָס ספר „מזוזת שלום" אויף הלכות מזוזה, וואו עס ווערן אַרומ־גערעדט אַלע היינטיגע מכשולות וועגען מזוזה, ווי אויך אַלע סאָרטען הלכות פונ'ם קויפען די מזוזה ביז'ן אַרויפשטעלן, — מיט אַ קורצן און לייכטען לשון, אין דער אידישער שפּראַך, כדי אַלע זאָלען קענען פאַרשטיין, פון קליין ביז גרויס).

## בילִיגע מזוזות און טייערע מזוזות

ליידער בעווה״ר איז שטאַרק איינגעפירט ביי היימישע אידען שומרי תו״מ, וואָס קאַרגען נישט קיין געלט און לאָזען זיך קאָסטען פאַר אַ מצוה־זאַך, פונדעסטוועגען ווען עס קומט איינצוהאַנדלען פרשיות פאַר תפילין, מזוזות און ס״ת אָדער בתים, ראַמאָלס הייבט מען זיך אָן צו דינגען אויפ׳ן פּרייז. עס איז פּשוט נישט צו גלויבען. אויף בר מצווה סעודות און חתונות מיט חתונה־קליידונג און סוויט טעיבל, פּיקטשורס און מעבל מיט אַנדערע שטוב־זאַכן פאַרשווענדעט מען שווערע צענדליגע טויזענטער דאָלאַרן, כאָטש דאָס איז גאָר אויף איין טאָג, און עפ״י תורה איז מען יוצא און מען איז גאָר מחויב וועגען איסור בל תשחית צו מאַכן און קויפען אַלעס אויף אַ באַשיידענעם אופן, אָבער ווען עס האַנדעלט זיך אין אַ מצוה־זאַך, וואָס דער אונטערשיד איז צווישען ביליג און טייער בלויז געציילטע דאָלאַרן, — דאַמאָלס ווערט מען קאַרג, דאָס מיינט, מען וויל נישט באַצאָלען מער ווי 3 אָדער 5 דאָלער פאַר אַ מזוזה. אַ מילרער איז שוין גרייט צו ספּענדען ביז 10 דאָלער, אָבער נישט מער, און די טייערע מזוזות, וואָס זיינען אמת׳דיג כשר, קאָסטען מינימום פון 15 דאָלער און העכער.

וואָס זיינען די תוצאות פון דער דאָזיגער האַנדלונג? דער וואָס האָט געקויפט אַ ביליגע מזוזה האָט אַרויסגעוואָרפען 10 דאָלער אומזיסט, ווייל פאַר דעם געלט האָט ער באַקומען אַ פּסול׳ע מזוזה, ווי דאָס איז איבערצייגט געוואָרען ביי הונדערטער פאַלען. און נישט בלויז האָט ער אַרויסגעוואָרפען די 7 דאָלער, נאָר זיין גאַנצען פאַרמעגען, זיין לעבען און דאָס לעבן פון זיינע ווייב און קינדער זיינען יעדע רגע אין אַ סכנה (ווי מיר ברענגען דאָ ווייטער לעבעדיגע פאַקטן).

די אורזאַך דערפון איז, ווייל היינט צו טאָג זיינען ליידער אַלע מצוות־ענינים פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ ביזנעס. דעריבער לייגט דער מוכר ספרים דאָס גאַנצע געוויכט צו מאַכען מזוזות מיט די ביליגסטע מיטלען, אויפ׳ן שנעלסטען אופן, וואָס אַ פאַכמאַן דערקענט דאָס אויף די היינטיגע מזוזות זעהר שנעל. די ביליגע מזוזות ווערען געמאַכט אויף פאַרשידענאַרטיגע וועגען:

א) טייל זיינען געדרוקט אויף פּאַפּיר!

ב) טייל זיינען געדרוקט אויף פּאַרמעט!

ג) טייל זיינען געשריבן אויף פּאַפּיר, וואָס איז ענליך צו פּאַרמעט!

ד) טייל מזוזות ווערען געשריבען פון פרויען און קליינע קינדער!

ה) אַ גרויסע טייל ווערט געשריבען דורך מחללי שבת!

ו) טייל מזוזות און תפילין ווערען געשריבען אינ׳ם הייליגען טאָג פון שבת קודש!

ז) טייל ווערען געשריבען אויף מאַטעריאַל וואָס איז געמאַכט קינצליך, עס זאָל אויסזען ווי פּאַרמעט (אַז מען קען אַרויסציהען פעדעמער!).

ח) טייל ווערען געשריבען דורך סופרים וואָס הייסען שומרי תו״מ און זיינען ליידער שטאַרק פאַרזונקען אין תאוות ממון, דעריבער שרייבען זיי אָפּ די מזוזות בליץ־שנעל, וואָס דורך דעם זיינען די אותיות נישט געשריבען ווי מען דאַרף, אָדער די אותיות רירען זיך אָן איינער מיט׳ן אַנדערן, ווי אויך פעלן אַ סך אותיות!

אַט אַזוי ווערען אָנגעשריבען 97 פּראָצענט פון אַלע ביליגע מזוזות, וואָס ווערען געשריבן היינט־צו־טאָג איבער דער גאַרער וועלט!!!

מיר קענען מיטטיילען, אַז מערסטענס זיינען די קליינע מזוזות פּסול. אַפילו ווען איר זענט נישט קיין מבין אויף אַ כשר׳ער מזוזה, זענט איר ווייניגסטענס מחויב נישט צו קויפען אויסשליסליך אַ גרויסע מזוזה, זענט איר שוין מיט אַ גרעסערן פּראָצענט אויסגעהיטען פון די פּסול׳ע מזוזות.

חשוב׳ע געערטע אידען!

אויב איר ווילט אייך פאַרזיכערן בעזר השי״ת מיט אַ געזונט, לאַנג, רואיג לעבען, צוזאַמען מיט אייער בני בית און קינדער — קאַרגט נישט די פּאַר דאָלער וואָס עס קאָסט אַ טייערע מזוזה און די פּאַר דאָלער פאַר׳ן סופר אַ ירא״ש איבערצוקוקען צי די מזוזה איז ווירקליך כשר!

אויב איר ווילט אינוועסטירען געלט אין אַ גרויסער ביזנעס, וואו איר האָפט צו באַגליקען און פאַרדינען גרויסע געלטער, פאַרגעסט נישט דעם עיקר, אַז אויב איר האָט אַ ביליגע מזוזה׳לע איז אייער אַרבעט אומזיסט!

אויב איר ווילט קויפען טייערע צירונג און אַנדערע זילבערוואַרג אָדער גאָלדוואַרג, קענט איר נישט זיין פאַרזיכערט קעגען גניבות מיט די בעסטע פּאָליציי, כל זמן איר האָט נישט אַ כשר׳ע מזוזה אויף יעדער טיר.

אויב איר ווילט זיך איינריכטען מיט די שענסטע און בעסטע און טייערסטע מעבל, ווי אויך אַלע אַנדערע שטוב־געצייג, און איר ווילט זיין פאַרזיכערט מיט דער בעסטער אינשורענס פּאָליסי, דאַן קלאַפּט אַרויף אויף אייערע טירען כשר׳ע מזוזות, ווייל נאָר דאָס וועט אייך העלפן.

אויב איר ווילט זיין אויסגעהיט פון עקסידענטען, געזונטהייט־פעלערן, האָלד־אַפּס, פּאַראַליזשע, באַוואוסטלאָזיגקייט, רומאַטיזם, אַרטריטיס א. ד. גל., דאַן זעט דערצו איר זאָלט האָבען כשר׳ע מזוזות אויף אַלע אייערע טירען.

אויב איר ווילט נישט מאַכען 2 ברכות לבטלה יעדען טאָג, דאַן זאָלט איר אַכטונג געבען צו קויפען אייערע תפילין פון אַ סופר מומחה ויראַ שמים.

ווייל געדענקען זאָלט איר, אַז נישט נאָר די אחריות פון אַלע שטוב־אומגליקן ח״ו וואָס פּאַסירן צוליב נישט־כשר׳ע מזוזות ליגט אויף דעם וואָס האָט געקאַרגט ביים קויפען די מזוזות, נאָר אויך די רוחניות׳דיגע אחריות פון מבטל זיין יעדן טאָג אַזעלכע דערהויבענע מצוות פון מזוזה און תפילין ליגט אויף דעם קויפער, און אויף דעם אַלעם וועט מען מוזען אָפּגעבען דין וחשבון פאַר השי״ת.

## מזוזות פאַר געשעפטען

ס׳איז וויכטיג אויפמערקזאַם צו מאַכען אַלע געשעפטען און ביזנעסלייט, דאָס אַ געשעפט אָדער אַ ביזנעס איז אויך מחויב במזוזה, און דערפאַר וואָס אַ סך וויסען נישט דערפון, פּאַסירט טאַקע דירעקט ביי די געשעפטען ברוטאַלע אומגליקען, ווי גניבות, שריפות און האָלד־אַפּס, אַ גרויסע עם הארצות הערשט אויך ביי פילע ביזנעסלייט, וואָס מיינען אַז כאָטש מען דאַרף האָבען אַ מזוזה אין געשעפט, קאָן מען יוצא זיין מיט אַ ביליגער מזוזה אויך, ווייל מען עסט נישט און מען שלאָפט נישט דאָרט. אָבער עפ״י שולחן ערוך איז דאָס נישט אמת.

## יעדער איד איז מחויב צו טאָן וועגען מזוזות

יעדער איד איז מחויב, לויט זיין מעגליכקייט, אָפּצוהאַלטען זיך פון די אויבענדערמאָנטע פּסול׳ע ביליגע מזוזות און תפילין. דעריבער אויב איר קומט אַריין אין אַ אידישער שטוב, וואָס דער שטייגער איז אַז די ערשטע זאַך ביים אַריבערטרעטען די שוועל איז אַרויפצולייגען די האַנט אויף דער מזוזה — איז אויב ער באַמערקט אַז די מזוזה איז קליין, איז ער מחויב זאָפאָרט מעורר צו זיין דעם בעל הבית צו טוישען די מזוזה, ווייל 97 פּראָצענט איז זיכער אַז די מזוזה טויג נישט, — נאָר אַפילו ער באַגעגענט זיך מיט אַ גרויסער מזוזה, זאָל ער אויך נישט פאַרפעלן צו פרעגן דעם בעל הבית, ווען ער האָט לעצטנס בודק געווען די מזוזה און אויסגעפינען וואו ער האָט געקויפט די מזוזה. גלייכצייטיג זאָל ער באַטראַכטן צי די מזוזה איז אַרויפגעשטעלט ווי מען דאַרף. דאָס זעלבע ווען איר קומט אַריין אין אַ סטאָר אָדער ביזנעס, אָדער להבדיל ביהמ״ד, און איר זעט נישט קיין מזוזה, אָדער אַ גאָר קליינטשיגע מזוזה, דאַרף ער מעורר זיין דעם בעל הבית זאָפאָרט צו קויפען אַ כשר׳ע מזוזה. אויך ווען ער גייט דורך שטיבער פון אַ פרעמדער דירה, און ער זעט אַ געוויסען פּלאַץ וואָס דער בעל הבית האָט נישט אַרויפגעלייגט אַ מזוזה, גלויבענדיג אַז דאָרט דאַרף מען ניט קיין מזוזה — דאַרף ער מעורר זיין דערויף.

באַמערקונג: אַ בית מדרש איז אויך מחויב צו לאָזען בודק זיין אירע מזוזות 2 מאָל אין זיבן יאָר (כמבואר בספרי מזוזת שלו׳ הלכות מזוזה).

## פראגען און ענטפערס

אין צוזאמענהאנג מיט דער מודעה פון פארגאנגענער וואך זיינען אנגעפרעגט געווארען פארשידענע פראגן. דעריבער גיבען מיר דא די ענטפערס.

### פ ר א ג ע:

מעג מען אראפנעמען די מזוזות ווען מען פארט אהיים פון קאנטרי?

### ע נ ט פ ע ר:

מען טאר נישט אראפנעמען די מזוזות. און אויב מען טוט דאס יא, שטעלט מען זיך, מיט דער גאנצער משפחה אין א לעבענס־געפאר. (ועיין בספרי מזוזת שלו׳ באריכות). אינטערעסאנט איז צו באמערקען, אז איינער פון די מקורבים פון כ״ק אדמו״ר מסאטמאר שליט״א האט אמאל אומוויסענדיג ארונטערגענומען די מזוזות פון זיין קאנטרי־דירה אין שעראן ספרינג, האט אים האדמו״ר מסאטמאר שליט״א שטרענג אויפגעפאדערט, אז ער זאל זיך זאפארט אויפהייבען און צוריקפארען קיין שעראן ספרינג און צוריק ארויפשטעלען אלע מזוזות, ווייל ער שטייט יעדע רגע אין א סכנה ר״ל. (דער וועג אהין־און־צוריק מיט דער ארבעט איז בערך 15 שעה).

### פ ר א ג ע:

לוינט זיך וועגען 2 וואכן, ביז׳ן סוף וואקעישאן, ארויפצושטעלען מזוזות אין דער קאנטרי?

### ע נ ט פ ע ר:

ביי א מצוה־ואך איז קיין שום אונטערשייד נישט אויב עס איז פאר איין מינוט אדער אויף יארען. אויב עס איז א חיוב, מוז מען. אויסערדעם, קען ח״ו דורך די צוויי וואכען פאסירן פארשידענע אומגליקען, וואס די מזוזה טוט דעם מענטש אויסהיטען פון זיי (זע בית יוסף יו״ד סי׳ רפ״ה אין ספר שערי שלו׳ באריכות)

### פ ר א ג ע:

צי איז א מדקדק במצוות זיך מחויב צו לאזען קאסטן פאר א שטארק מהודר׳דיגער מזוזה 35 דאלער.

### ע נ ט פ ע ר:

ביי מצוות איז נישטא קיין שיעור, ווי מער מען צאלט אלץ מער שכר קריגט מען. אויסער אלעם, קאן מען מער זיכער זיין אז עס איז 100 פראצענט כשר.

אט זעט איר ביי אתרוג, וואס די מצוה געדויערט 7 טעג יעדן טאג געציילטע מינוטען, און דאך זשאלעוועט מען נישט קיין געלט, כל־שכן מזוזה, וואס קען האלטען אויף א גאנץ לעבן, דארף מען אוודאי זיך לאזען קאסטען.

### פ ר א ג ע:

ווי אפט דארף מען בודק זיין א מזוזה און תפילין?

### ע נ ט פ ע ר:

אלע מזוזות און תפילין, סיי פריוואטע, סיי בתי מדרשים און אנדערע פאבליק פלעצער, דארף מען בודק זיין וויניגסטענס 2 מאל אין זיבן יאר. גאר גרויסע מדקדקים זיינען בודק יעדן חודש אלול (זע מט״א, קש״ע, מזוזת שלו׳).

### פ ר א ג ע:

זיינען די קלאס־שטיבער פון חדרים, ישיבות, כוללים, סקולס, אויך דארמיטאריס, האטעלן, מעדיקעל אפיסעס, ביזנעס־אפיסעס א. ד. גל. יוצא מיט ביליגע מזוזה׳לעך?

### ע נ ט פ ע ר:

אדרבא! ערשט דארט דארף מען לייגען טייערע מזוזות, ווייל אויסער דער זיכערקייט און כשרות, קוואליטעט פון די מזוזות, דארפן קינדער ערשט האבען שמירה, ווי די חז״ל דריקן זיך

אויס אויף די קליינע קינדער „שומר פתאים ד׳״, דאס זעלבע איז אויך שייך ביי מעדיקעל׳ס, וואו מען ווארט און האפט אז דער דאקטאר זאל זיין דער ריכטיגער שליח פון באשעפער צוצוטרעפן די פאסענדע הייל־מיטל פאר׳ן קראנקען.

## אומגליקען דורך פסול׳ע מזוזות

זינט מיר האבען מפרסם געווען די מודעה וועגען פסול׳ע מזוזות, זיינען מיר פארפלייצט געווארען פון אלע עקן מיט טעלעפאנישע באריכטען וועגען פארשיידענע שוידערליכע פאסירונגען, וואס זיינען פארלאפען די לעצטע צייטען, ווי מען האט געזען באשיינפערליך, און קיין שום צווייפעל ניט אז דאס האט פאסירט נאר צוליב פסול׳ע מזוזות. מיר וועלן ציטירן דא בלויז עטליכע פאלן:

א) דא לעצטנס, אין מיטן העלן טאג, וואו די גאס איז געווען באלאגערט מיט מענטשען, האבן אריינמארשירט עטליכע גויים, באוואפענט מיט רעוואלווערס און איינער האט גלייך אויסגעשטרעקט דעם רעוואלווער צו דעם וואס שטייט ביי דער קאסע. דער צווייטער האט אויסגעשטרעקט דאס געווער איבער׳ן צווייטען ארבייטער. די רויבער האבען אוועקגענומען א גרויסע סומע געלט. גלייך דערויף האט דער בעל הבית אראפגענומען די קליינע מזוזה, און צום באדויערן געטראפען אז זי איז פסול.

ב) ביי א גאר־היימישען יונגערמאן זיינען עטליכע קינדער ל״ע געשעדיגט געווארען אין א דירה וואס האט געהאט פסול׳ע מזוזות.

ג) בדידי הוא עובדה מיט א סך יארן צוריק, ווען איך בין נאך גאר יונג געווען, פלעג איך גיין טאג־טעגליך ארויסהעלפען א האלב־פאראליזירטען איד. יענע צייט, עפ״י סיבה, האב איך געהערט פון מיין טאטען ע״ה, ווי ער גיט צו פארשטיין פאר א פערזאן די וויכטיגקייט פון מצות מזוזה, און ווי אזוי עס טוט אויסהיטען פון קראנקהייט און אנדערע אומגליקן. פלוצלינג האט מיר אריינגעבליצט א געדאנק אין מוח, אפשר איז דאס די אורזאך וואס דער איד ליידט אזוי פיל. האב איך נישט לאנג פארזוימט און נאכ׳ן באקומען רשות פון קראנקען איד האב איך געעפענט זיין מזוזה און געפונען אז עס האט געפעלט אן אות אדער ביים „בשכבך״ אדער ביים „ובקומך״. האב איך באלד געבראכט און ארויפגעקלאפט א נייע כשר׳ע מזוזה, און ביז א קורצער צייט איז דער איד פולקאם געזונט געווארן.

דעם פאלגענדען בריוו האב איך ערהאלטען אין איינעם פון די טעג פון הרב הגאון מוהר״ר משה יודא הכהן בלוי מווערבוי שליט״א, מחבר ומו״ל הרבה ספרי ראשונים מכת״י מהם: חי׳ הריטב״א על ב״ב פי׳ ר׳ אברהם מן ההר על מסכתות הרבה, ההשלמה, מאורות נתן, ועוד.

עש״ק והיה עקב תשמעון, לכבוד הגאון מקנא קנאת ה׳ לש״ש הרב שלו׳ יהוד׳ גראס שליט״א, מחבר נפש ישעי׳ מנחת יהודה, ומדריך לצניעות.

מאד נהנתי מדברי חיזוק שהשמיע מעכ״ת היום בעתון ע״ד מזוזה, מה יפים דברים היוצאים מפי עושיהם! שמעתי מעשה נורא שעשה בזה מורי הגאון הצדיק אב״ד חוסט ר׳ יוסף צבי דושינסקי זצוק״ל, שנכנס אצל אבל ובצאתו מביתו הניח ידו על מזוזה החדר בה נפטר הילד ומיד צוה לבדוק המזוזה. וכן ידוע מעשה נורא שקרה אצל הרב ממונקאטש נ״י בארא פארק, שעבר על דירת אחד מבני עירו שירד מנכסיו ר״ל, וצוהו לבדוק המזוזות והיה חסר תיבת בשכבך וכן בשדך. ותיקן האיש ההוא מזוזותיו וחזר לעושר ולבריאותו הראשונים. וזה האיש אני מכירו והעידו לפני ע״ז שני עדים כשרים! יישר ה׳ חילו ויזכה להרעיש עולמות בענין מזוזה!

תחזקנה ידיכם,

הק׳ משה יהוד׳ הכהן בלוי, מ׳ווערבוי.

ערהאלטענדיג דעם בריוו האב איך זיך פארבונדען טעלעפאניש מיט הרה״ג מוהר״ר מ. י. בלוי שליט״א, און אין מיטן געשפרעך האט ער מיר מיטגעטיילט נאך 3 וואונדערליכע פאסירונגען.

דאהי, אין בארא פארק, האט געוואוינט א יונגערמאן, וואס האט לאנגע יארען ל״ע נישט געהאט קיין קינדער. א צייט שפעטער האט ער זיך אריבערגעצויגען אין א נייער דירה און ארויפ־

געלייגט נייע מזוזות, איבערלאזענדיג די מזוזות אין דער אלטער דירה. נאך א קורצער צייט איז ער געהאלפען געווארען מיט א קינד. נישט לאנג דערויף רופט אים אפ דער יונגערמאן, וואס האט איבערגענומען זיין געוועזענע דירה, און דערציילט אים, אז ער האט געלאזט בודק זיין די מזוזות, וואס ער האט איבערגעלאזט, און געטראפען אז דאס ווארט „בניכם" פונ׳ם פסוק „למען ירבו ימיכם" האט געפעלט קאמפלעט.

ב) די צווייטע מעשה איז פארלאפען נאך אין אייראפע, אין שנת תרצ״ו. א איד מיט׳ן נאמען לעסלי פרויד נ״י (וואס וואוינט היינט־צו־טאג אין פלעטבוש), איז געפארען צו הגה״צ מוהר״ר אזיק מספינקא זצוק״ל אויף סעלעש, וואס איז געווען מפורסם פאר א בעל רוח הקודש, און געפרעגט אן עצה פונ׳ם צדיק, היות עס שטייט אים איצט אפצוקויפען א גרויס געשעפט אין פרעשבורג, נאר דער פראבלעם איז, וואס די אלע אידען וואס האבען ביז היינט אויפגעהאלטען דאס געשעפט, האבען אנגעזעצט (באנקראטירט). דער רבי זצ״ל האט אים תיכף געענטפערט, ער זאל אפקויפען דאס געשעפט, בתנאי, אזוי ווי דאס געשעפט האט אוודאי נישט קיין מזוזות, זאל ער תיכף ומיד ארויפקלאפען מזוזות. דער איד האט זיך געזעגנט און אהיים געפארען מיט א הארץ פול מיט האפענונג צוליב דער הבטחה פונ׳ם צדיק. אנקומענדיג אהיים איז ער מיט׳ן ברודער צוזאמען אריבער צום בעל הבית פארהאנדלען איבער׳ן געשעפט. און ביים פארהאנדלען דאס געשעפט האט ער איבערדערציילט די אויבענדערמאנטע ווערטער פונ׳ם צדיק. ווען דער בעל הבית האט דערהערט אז דער צדיק האט זיך אויסגעדריקט, אז ער האט נישט קיין מזוזות, האט ער זיך אנגערופען קאטעגאריש—ווי הייסט, עס איז נישטא דא קיין מזוזות? אוודאי זיינען דא פאראן מזוזות. און אלע דריי האבען זיך אויפגעהויבען און דורכגעקוקט די טירן פון געשעפט און ואיננו! נישטא קיין איין מזוזה!

באלד דערנאך האט ער אפגעקויפט דאס געשעפט און געטאן הלכה למעשה און אויפגעשטעלט מזוזות אויף אלע טירען. און בזכות זה מזוזות האט השי״ת געהאלפען און ער האט אויסערגעווינליך מצליח געווען. זי״ע. (דער אדרעס פון געשעפט אין פרעשבורג איז 9 דאנאו גאססע, און די מעשה האט הרב בלוי שליט״א אליין געהערט פון מר. פרויד נ״י, וואס איז געווען דער וואס האט ארויפגעשטעלט די מזוזות, צוגעבענדיג דערביי, אז דער געוועזענער בעל הבית איז געווען א תלמיד חכם וואס האט פארגעלערענט א שיעור ברבים. און די זעלבע מעשה איז באשטעטיגט געווארען פונ׳ם היינטיגען ספינקער רבי׳ן שליט״א, וואס וואוינט אין בארא פארק).

ג) די דריטע פאסירונג שטייגט איבער אלע. ביי הרב בלוי שליט״א אין ביה״מ איז ל״ע פאר קיינעם געזאגט אוועק א יונגערמאן אין מיטן די בליהענדע יארען פון דער ריכטיגער מעשה. נאך דער פאסירונג האט הרב בלוי שליט״א מעורר געווען אלע זיינע מתפללים צו לאזען בודק זיין זייערע מזוזות. א צייט שפעטער איז געקומען דער שווער פונ׳ם נפטר און געוויזען פאר הרב בלוי א מזוזה פונ׳ם נפטר׳ס שטוב, זאגענדיג דערביי; רבי, כ׳בין א גאנץ קליינער ת״ח צו זיין א מבין אויף א מזוזה, אבער אויף דער מזוזה קען איך אויך עדות זאגען, אז זי איז פסול. הרב בלוי שליט״א האט אריינגעקוקט אין דער מזוזה און געפונען אפגעדרוקט די עשרת הדברות אויף ענגליש. שומו שמים!

באמערקונג: דא לעצטענס האט א פאפא יונגערמאן געקויפט א הויז און געטראפען א בילד פון א מאנקי, אנשטאט א מזוזה.

צום שלוס ווילען מיר ציטירען פון (טעם הצבי), וואו עד שרייבט פאלגענד: עס איז א מנהג ישראל, אז אויב איינער איז שטארק נישט געזונט, לאזט מען בודק זיין זיינע מזוזות. ענליך שרייבט דער ליקוטי מהרי״ח, אז תפילין פון א נפטר דארף מען בודק זיין איידער מען נוצט זיי.

דעריבער דארף יעדער געווארענט זיין נישט צו קארגען און זיך לאזען קאסטען פאר כשר׳ע מזוזות און אין דעם זכות וועלען מיר ניצל ווערן פון אלע מיני צרות און זוכה זיין צו אלעם גוטען, אמן.

# יעקב לנדא
## רב אב"ד דבני־ברק
ארץ־ישראל

ב"ה כ' טבת תשכ"א
פעם ב' - יוד שבט

# לאפרושי מאיסורא

היו למראה עיני מזוזות הנמכרות
בבני־ברק ככשרות, ונחרדתי
בראותי שפסולות הן מכל צד
ואין עליהן שם מזוזה כלל.

לכן באתי להזהיר את הרבים **לא לקבוע מזוזה**
**טרם שנבדקה ע"י סופר מומחה ויר"ש**
**לבל יכשלו בביטול מצוה שהחיים תלויים בה.**

ולשומעים יונעם ותבוא עליהם הברכה האמורה
בתורה „למען ירבו ימיכם וימי בניכם וגו'"

**יעקב לנדא**
רב אב"ד דבני־ברק

מודעה ו

# אל"ף בי"ת כתב אשורית

לקטנים ולגדולים, ללמוד וללמד לשמור ולעשות

**תמונת בית יוסף**

**אבגדהוזחטיכךלמם**
**נןסעפףצץקרשת**

**תמונת האר"י** לדעת מצות שמורים

**אבגדהוזחטיכךלמם**
**נןסעפףצץקרשת ףּ***
**פ' כפולה**

* מובא כמה פעמים בבעל הטורים

**תמונת וועליש**

**אבגדהוזחטיכךלמם**
**נןסעפףצץקרשת**

הועתק מספר מאסף לכל המחנות

(עיין) ביו"ד סי' רמ"ה סעיף ח' הלכות כבוד רבו, הגה, ומכל מקום מיד כשיגיע בן ג' שנים שלמות מלמדים אותו אותיות התורה כדי שירגיל עצמו לקרות בתורה (אברבנאל). שם סע"ט אפילו תינוק שאינו מבין לקרות אל יסלקהו משם אלא ישב עם האחרים אולי יבין. ועיין בשו"ע הרב בעל התניא הל' ת"ת הלכה א' ובקש"ע של הר"ד פעלדמאן, שליט"א, דף 186, וכגמ' מנחות כ"ט. בשו"ע או"ח ובמשנה ברורה סימן רפ"ב ס"ג, עיי"ש היטב.

פרעזענטירט פון די

**חברה מלביש ערומים ובונה ירושלים**

אנערקענט פון גדולי ארץ ואדמורי"ם שליט"א

**CHEVRA MALBISH ARUMIM**
**and BONEH YERUSHOLAYIM**

לפ' כ"ב מרחשון, יומא הילולא דאדמו"ר הק' מבעלזא זצ"ל זי"ע ועכי"א. התשכ"ג לפ"ג

**בספרי** יראים כתבו להלביש טלית קטן **לקטן כשיודע לדבר, ולפחות כשהוא בן ג' שנים** וסימן **כי האדם** עץ השדה וכו' וכן להרגילו **באותיות התורה דמכל זה יזכה בקטנותו לנשמה רמה.**
אלי' רבה שו"ע או"ח סימן טו"ב סעי' ג' ועיין בשערי תשובה שם)

**פרי** מגדים או"ח סי' ל"ב סע"ק י"ט כתב וז"ל: עט"ז **בודאי עונש הסופר יותר מהשוחט** מאכיל טריפות **(ר"ל)** דזה לאו, וזה מכשיל במ"ע שאין מניחין תפילין(ומזוזות) ואף אם נאמר ל"ת חמור מעשה **מ"מ גורם ברכה לבטלה** בסי' רט"ו י"א דהוי **לא תשא** דבר תורה בכל יום.

**עי' ט"ז** ה' חנוכה סי' תר"ע שמביא פי' רש"י פ' תצא דגדול המחטיא את האדם יותר מההורגו (ר"ל) **תמיד** תהי' בסיועי עושי מצוה ולזכות את הרבים להרגילם **בציצית ובתפילין** ותאמץ ידיך **לכתוב בעצמך מזוזות** ולקובעם בפתחי יהודים **ולכתוב אלפ"א ביתו"ת לתינוקות**
(ספר חסידים תנינא ט, עי' בח"א חולין ט. ד"ה כתב
מרבינו משה הכהן ז"ל בן אחותו של רבינו הרא"ש ור' חיים ז"ל

**עיין במנחת** חינוך סי' תכ"ג בסופו וכן נראה אפשר דגבי מזוזה דבכל **רגע עובר בעשה הוא חמור יותר, כסברת** הר"ן ביומא גבי פקוח נפש דלאו חמור מסקילה והבאנו כמה פעמים בחלק זה. וגם לענין תשובה **אפשר** דחמור מטעם הזה ואין להאריך ע"ז. עכ"ל

**מודעה ז**

# אַ רוף צו רבנים

## פון הרב שלום יהודה גראָס

**רב דקהל „מגן שאול" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי'", ברוקלין, ניו יאָרק**

**בעמח"ס נפש ישעי' על מאכלות אסורות (ה"ח), מנחת יהודה על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק", מדריך לצניעות על עניני צניעות, ועוד.**

די מכשולות פין פריען וואָס גייען צי דאָקטוירים זענען געוואַלדיג גרויס דערפאַר דריקען מיר דאָ דעם נוסח וואָס דער בית דין אין ירושלים האָט מפרסם געווען 45 יאָר צוריק וועגן דעם ענין, ווי אויך דעם פסק דין פין די עמודי הוראה הגה"צ מפאפא שליט"א, אין הגה"צ מדעברעצין שליט"א, כדי מען זאָל דאָס נישט גרינג האַלטען, ווייל אין דעם איז אָפּהענגיק די קומענדיגע דורות.

ב"ה

# לאפרושי מאיסורא

## מטעם הרבנים הגאונים
## הבד"צ לכל מקהלות האשכנזים שליט"א,

י"נ טבת תרצ"ב לפ"ק, פעה"ק ירושלם ת"ו,

כאשר רבים מיראי ה' התלוננו לפנינו על פרצה בדת הנעשית מבלי יודעים, שנשים הדורשות ברופאים מתיחדות עם הרופא בחדרו ועוברות על איסור דאורייתא· לזאת הננו לפרסם בזה דין תוה"ק שאסור לאשה להתיחד בחדר אחד עם איש אפילו אם הוא רופא ומעיין ברפואתה· ובנות ישראל הכשרות ישמרו עצמן מאיסור חמור הזה, ויעשו שאלת מורה צדק תחלה איך להנצל מאיסור יחוד בשעה שהן צריכות לדרוש בעצת הרופא.

ולהשומעים יונעם, והשי"ת ישמרנו מכשלון ח"ו וירים קרן תוה"ק ומצותיה.

בד"צ לכל מקהלות האשכנזים
נאם פנחס בהגר"י ז"ל עפשטיין
נאם שמחה בונם ווערנער
נאם דוד הלוי יונגרייז

(איבערזעצונג אויף אידיש)

אזוי וויא פיל יראים האבען זיך פארקלאגט פאר אונז אויף א פאר־שוועכונג פון אונזער הייליגע תורה· וואס ווערט געטהון ניט וויסענדיג, דורך דעם וואס פרויען וועלכע קורירען זיך ביי איין דאקטער זיינען מיט דעם דאקטער אליין אין זיין צימער. דארום זיינען מיר מודיע דעם דין התורה אז א פרוי טאר ניט זיין אליין אין איין צימער מיט א פרעמדען מאן אפילו ווען ער איז א דאקטער און קורירט איהר· דאריבער מוז יעדע פרוי פרעגען א שאלה ביי דעם רב וויא זיך צו באגיין ווען זיא דארף גיין צו א דאקטער, אום זיא זאל ניצול ווערען פון דיא עבירה פון יחוד.

דאָ זענען מיר מעתיק די תשובה פון שר התורה עמוד ההוראה כ"ק הגה"צ אדמו"ר מפאפא שליט"א, וואָס איז געדריקט געווארען אין תשל"ז אין זיין נאייעם ספר „ויען יוסף" וזל"ק.

ע"ד איסור יחוד אצל הרופא הנה מאוד נצטערתי ע"ז למצוא היתר לנשים ההולכות משום איזה מיחוש אצל רופא כי היתר של בעלה בעיר לכאורה לא שייך שהרופא מירתת, ואף שיכולה לצעוק ובחוץ ממתינים אנשים מ"מ איסור יחוד אינו דוקא על חשש אונס אלא גם על חשש פיתוי וכו'.

ע"כ נראה להחמיר ליקח אשה אחת, ואם אי אפשר אני אומר להשואל דהבעל ילך עכ"פ עמה וימתין בחדר החיצון דעי"ז קצת דומה להיתר של בעלה בעיר, דכשיודעין שניהם הרופא והאשה שבעלה ממתין בחוץ מסתבר דשייך מירתת אף שאין דרך ליכנס בלי רשות, ומה שאמרתי דנכון שיהא הבעל גם בפנים היינו רק אם אפשר אבל אם אין הרופא מסכים וגם אינו מסכים שתהא אשה אחרת שם, יכולין לסמוך על צדדין הנ"ל כשבעלה עכ"פ בחוץ.

ידידך דושה"ט באה"ר
ה"ק יוסף גרינוואלד

בעזהי"ת

נשאלתי בדין יחוד לאשה שהולכת לרופא נשים.

השבתי, הנה בספרי באר משה ח"ג וח"ד הארכתי וביארתי חומר הענין שנשים צעירות עם מיחוש כל דהוא הולכין לרופא נשים שהוא איש, שזה איסור גמור דידוע שהרופאים בזמנינו רובם ככולם בעלי עבירות גדולים הם עם מאה תאוות בלבם ובכל מיחוש כל דהוא הם עושים כל מיני תחבולות למלאות תאוותם הגוף וע"כ החוב על הנשים לילך לרופא נשים שהיא אשה. אך עם מיחוש גדול ח"ו במקום לידה שא"א לילך לרופא נשים אשה אז הרשות ניתן להן לילך לרופא נשים איש, אבל אהה! והלא לפנינו שאלה חמורה איסור יחוד, וביותר ששמועות מבהילות פורחות שהרבה נשים כבר נתפתו להרופאים וביותר יש רופא נשים אחד בינינו שהוא רשע גמור וכבר שבר כמה בתים ע"י מעשיו הרעים וגם אלו שעדיין לא נתפתו אבל רעל דיבורו ולשונו החריף והשנון מהגוף המעשה שבאלו הדברים הוא אומן גדול ובעל נסיון, עפרא לפומי' הטמא; כבר מפעפא בקרב לב נשים שהלכו אצלו והרבה צרות ודאגות עמוקות גרמו לבעליהם בפרט ולהורי האיש והאשה בכלל, [וידוע לי שם אותו רשע ערום ואפילו שמות ב' רופאים כאלו, דהלא הכל יודעים שעם שאלות אלו דופקים על פתחי שתסמר מידי יום ביום ובזמן האחרון איש ואשה ביחד באו אצלי והגידו ענינים מרופא אחד מאלו ב' רופאים שחסמו שער אדם וכמעט מצד ההלכה הי' החוב מוטל להגיד ברבים

אם לא שיש סכנה ברבר ובפרט שהאשה אמרה שאם יבא הרבר לערכאות תאמר בפירוש שלא אמרה כאלו הרברים ולא תאמר בפני הרופא שום רבר ומי יורע טעמו של רבר ה׳ ירחם על רור יתום הזה] ומי יורע כמה מאלו רופאים נשים בינינו שעריין מעשיהם הרעים אין ירוע לנו והסכנה מרחפת על כל הנשים שהולכות אצלם רחמנא שזיב לן מהאי צרה. ובוראי החוב ואין שום היתר אחר ברבר אך ורק שהאיש ילך עמה להרופא נשים ויאמר להרופא שיתן לו רשות ליכנס בחרר שהוא בורק אשתו ואם איננו רוצה ואיננו מסכים שיהי׳ עמה מתחלת הבריקה אלא עכ״פ יהי׳ לו רשות להיות בחרר הסמוך והפתח יהי׳ קצת פתוח, ואם א״א להבעל לילך עמה אז אם האשה או אחותה או גיסתה או חברתה תלך עמה ותעשו ככל הרברים הנ״ל, ואם איננו מסכים אז תלך לרופא אחר שירענא שיש הרבה רופאים שנותנים רשות ע״ז ואין אנו במרבר הפקר בעזהי״ת ובלא״ה אין אני יורע שום היתר.

וע״ז בעה״ח אלול תשל״ו פה ברוקלין יצ״ו

משה שטערן
אב״ר רעברעצין יצ״ו

איבערגעזעצט אין יוריש

## די תשובה פין דעברעצינער רב שליט״א
## וועגען פרויען גיין צי דאָקטוירים

איך האָב שוין גערעדט באריכות אין מיין ספר באר משה (ח״ג־ח״ד) וועגן דעם האַרבקייט וואָס יונגע פרויען מיט יעדע קליי‌ניקייט גייען זיי צי אַ מענער דאָקטער, וואָס דאָס איז אַ געוואַלדיגע איסור, ווי עס איז טרויעריג באַוואוסט אַז די היינטיגע דאָקטוירים זענען כמעט אַלע גרויסע בעלי עבירות און בעלי תאוה דערפאַר **איז דער פליכט אויף די פרויען צי גיין צי אַ דאָקטערין** (פרוי דאָקטער).

נאָר אין אויסנאַם פאַל מיט אַ ערנסטען ענין וואָס מען קען בשום אופן נישט גיין מיט דעם צי אַ פרוי דאָקטערין, דאַמאָלט איז מותר אויך אַ מענער דאָקטער, אָבער דער איסור יחוד שטייט אונז נאָך אַלס אין וועג, נאָך מער עס געפינט זיך צווישען אונז אַ דאָקטער אַ רשע וואָס האָט שוין ציבראָכען אַסאַך אידישע שטיבער, אין איך קען אפילו צוויי פין דעם סאָרט ביים נאָמען, לעצטענס איז מען אויך געקימען צי מיר אין דערציילט מעשיות וואָס די האָר האָבען זיך געשטעלט קאַפּויר.

עפ״י הלכה איז מען כמעט מחויב מפרסם צי זיין די נעמען ווען נישט וואָס עס איז פשוט אַ סכנה, און ווער ווייסט וויפיל אַזעלכע דאָקטוירים געפינען זיך צווישען אונז וואָס עס איז נאָכנישט נתגלה געוואָרען זייערע נעמען, און עס שוועבט אַ רוחניות׳דיגע סכנה אויף אַלע פרויען וואָס גייען צו זיי.

דערפאַר איז אַ חוב, און עס איז נישטאָ קיין שום אַנדערען היתר נאָר אַז איר מאַן זאָל מיטגיין מיט איר אין זיין מיט איר ביים דאָקטער, אויב נישט לכה"פ זאָל ער זיין אין דערבייאיגען שטיב און די טיר זאָל זיין אַביסעל אָפען, אויב עס איז נישט מעגליך פאַרען מאַן מיטציגיין דעמאָלט זאָל איר מיטער אָדער שוועסטער, שוועגערין מיטגיין, אויב ער איז נאָך אַלס נישט מסכים, זאָל זי זיכען אַ צווייטען דאָקטער, ווייל איך ווייס אויף זיכער אַז עס געפינען זיך אַסאַך דאָקטוירים וואָס געבן ערלויבעניש אויף דעם, אויסער דעם ווייס איך נישט קיין שום היתר.

פון די אויבנדערמאָנטע פסקים נעמען מיר אָן דעם דעת תורה פון די גדולים אין פריערדיגן דור, און גלייכצייטיג די גדולים פון היינטיגן דור. אַלע פסק'ענען, אַז דער יחוד ביי דאָקטוירים, וואָס מיינט אַ פרוי וואָס איז אַליין מיט אַ דאָקטאָר אין שטוב, איז טיילווייז ערגער ווי סתם יחוד, און דערפאַר טאָר קיין שום אידישע טאָכטער, אָן אויסנאַם, פון 3 יאָר אַלט און ווייטער, נישט גיין צו קיין שום מאַן־דאָקטאָר אָן דער באַגלייטונג פון אַ חבר'טע אָדער קרובה, אָדער אַ פרוי קען גיין מיט איר מאַן, און נאָר דעמאָלט איז זי ערלויבט צו גיין צום דאָקטאָר, נישט קיין רונטערשייד צי דאָס איז אַ ציין־דאָקטאָר, אַ ביינער־דאָקטאָר א.ד.ג.

מיר האָבען דאָס שוין לאַנג אויפמערקזאַם געמאַכט דעם עולם אויף דעם אין דער צייטונג פון ראַצפערטער רב שליט"א, „די תורה וועלט", אין חודש ניסן, און אַ דאַנק דעם רבש"ע האָבען די רייד געמאַכט אַ טיפען איינדרוק אויפ'ן גאַנצן יהדות החרדית, און אין אַלע היימישע אידישע קרייזען זיינען אָנגענומען געוואָרען ערנסטע שריט צו פאַרבעסערן דעם מצב אין דעם ענין. הונדערטער שטובער האָבען אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס, אַז פאַר קיין שום געלט וועלען זיי נישט לאָזען די ווייבער אָדער טעכטער גיין אַליין צו קיין שום דאָקטאָר.

מיר האָפען אַז צוביסלעך וועלען די איבעריגע אויך נאָכטאָן דעם נאָבעלען ביישפיל.

פילע רבנים האָבען גערעדט צו זייערע בעלי בתים וועגן דעם ענין, און האָבען אַ סך אויפגעטאָן. אשרי חלקם בזה ובבא.

מיר מוזען דאָ אויסדריקן אַ טיפן דאַנק פאַר דער „התאחדות הרבנים" דארצות הברית וקאַנאַדע, וואָס זיינען אויך נתעורר געוואָרען דורך אונזער מודעה אין „די תורה וועלט" און האָבען איינגעזען די וויכטיגקייט פון טאָן אין דעם ענין, און האָבען אָנגעהויבען טאָן צו דער זאַך, עטליכע וואָכען נאָך אונזער התעוררות. מיר האָפען אַז זיי וועלן שטאַרקען זייערע כוחות און אַרויסגיין אין גאַס מיט אַ גרעסערען שטורעם, און טאַקע אויפטאָן ווי מען דאַרף. יישר כוחם. אשרי הדור שהגדולים נשמעים להקטנים.

## מודעה ח

**הרב שלום יהודה גראס**

**רב דקהל „מגן שאול" ור"מ בישיבה וכולל „בית ישעי"**
**ברוקלין, ניו יארק**

בעמח"ס **נפש ישעי'** על מאכלות אסורות (ה"ח), **מנחת יהודה** על חומר איסור „חלב עכו"ם" ו„סימילאק", **מדריך לצניעות** על עניני צניעות, ועוד.

# אַ וואָרנונג צו אידישע פרויען

דאָס חרדישע אידענטום אין גריעטער ניו יארק, איז שטאַרק אויפגעטרייסעלט געוואָרען פון אונזער מודעה וועגען די האַרבקייט פון לאָזען גיין פרויען אַליין צו דאָקטוירים אָן באַגלייטער. לויטן פסק דין פון די גאוני ירושלים עיה"ק און גאוני חו"ל, אין אַלע בתי מדרשים, קלויזען און שטיבלעך, האָט געהערשט אַ געוואַלדיגער טומעל פון די אויפגעברויזטע געמיטער פון אידען, וואָס האָבען גע'טענה'ט היתכן? מען האָט ביז'ן היינטיגן טאָג גאָרנישט מעורר געווען דעם כלל די האַרבקייט פון דעם. אין יעדען פאַל האָט דאָס דער גאַנצער אידענטום פון ניו יאָרק גאָר ערנסט אויפגענומען אַריינטראַכטענדיג שטאַרק אין דעם, און בפרט נאָך דעם ווי זיי האָבען זיך דערוואוסט פון פאַרשידענע שוידערליכע פאַסירונגען וואָס זענען זיך פאַרלאָפען דורך אַזעלכע וויזיטען, און עס זענען אָנגענומען געוואָרען פעסטע באַשלוסען ביי אַלע ערליכע אידען אויף להבא נישט צו דערלאָזען מער אַ פרוי אָדער מיידעל העכער 3 יאָר באַזוכען אַ דאָקטער אַ דענטיסט, א.ד.ג. אָן אַ באַגלייטונג פון דעם מאַן, עלטערען, אָדער קרובים וואָס ווערען דערמאָנט אין שו"ע (אה"ע סי' כ"ב).

גלייכצייטיג מוזען מיר באַמערקען אַז מיר האָבען ערהאַלטען טעלעפאָנישע רופען פון רבנים און בע"ב, פון נאָענט און פון ווייט וואָס האָבען באַשטעטיגט די אַלע אויבענדערמאָנטע זאַכען, און נאָך צוגעגאָסן בוימעל אויפן פייער מיטטיילענדיג שרעקליכע פאַסירונגען וואָס זענען זיך פאַרלאָפען בעת מ'איז געגאַנגען צו דאָקטוירים. די האָר שטעלען זיך קאַפּויר, בלויז הערענדיג, וואָס דאָקטוירים האָבען אָפּגעטאָן. די רבנים האָבען אויך צוגעגעבען אַז לויט זייער מיינונג איז די מצוה מן המובחר לכתחילה צו גיין אויסשליסלעך נאָר צו פרויען דאָקטוירים.

מיטן הילף פון רבנים איז פארגעברייט געוואָרען אַ פולע ליסט פון אַסאַך דערפאַרענע דאָקטאָרינס, וואָס טוהען פונקציאָנירען און פראקטעצירען אין פילע שפיטעלער וואָס ווערען גענוצט דורך הימישע אידען. פאַראינטערעסירטע זאָלען זיך ווענדען טעלעפאָניש: **הרב טאלער** *

**(212) 533-8478**

---

*) אַ דאַנק פאַר אונזער חשוב'ן מיט־אַרבעטער, דער יונגער רב המפורסם **הרב טאַלער** שליט"א, וואָס לייגט אַריין פיהל ענערגישע כוחות מיט מיה צוהייבען דעם סטאַנדאַרט פון קדושת ישראל מיט מסירת נפש אָן אַ גרעניץ נאָר לזכות את הרבים ולהרחיב גבולי הקדושה. יה"ר ער זאָל זעהן די פירות פין זיין הייליגע ווערק, און זוכה זיין מזכה הרבים צו זיין לאַנגע יאָרען מיט געזונט און נחת אמן.

אויף דער רעקאָמענדאַציע פון רבנים האָט זיך געגרינדעט אַ ספּעציעלער „ועד" מיטן נאָמען „ועד לקדושת בנות ישראל" וואָס זאָל זיין טעטיג אויף דעם געביט פון אָפּצוראַטעווען און אויסצוהיטען אידישע טעכטער זאָלען ח"ו נישט קומען צו קיין שטרויכלונגען, ווי אויך צו קיין שום זאַך וואָס טוט דערנידערן דאָס הייליקייט פון אידישע טעכטער.

אין דעם זכות וואָס מען טוט וויפהל מען איז ביכולת קענען מיר האָפען אויף ווייטערדיגע סייעתא דשמיא וואָס פאַרלאַנגט זיך אין אַגרויסע מאָס, בפרט אין די ענינים.

השי"ת וועט העלפען מיר זאָלען קענען ווייטער ציען די גאָלדענע ירושה קייט וואָס ציהט זיך פון די הייליגע אמהות, זאָל זיך ציהען ווייטער.

און אין דעם זכות פון ערליכע אידישע צניעות'דיגע טעכטער האָפען מיר אויסגעלייזט צו ווערען בקרוב פון דעם ביטערען גלות פונקט ווי אַמאָל פון מצרים.

בקרוב וועט אי"ה דערשיינען אַ ספּעציעלער קונטרס „קדושת בנות ישראל" וואו עס ווערט אויספירליך אַרומגערעדט דער גאַנצער ענין פון די סכנות פאַר אידישע פרויען און מיידלעך וואָס גייען אַליין צו דאָקטוירים. אין דעם קונטרס ווערען אַרויסגעבראַכט אַלע איינצעלהייטען פון דער דאָזיגער פראַגע.

אין נאָמען פון די רבנים חברי „ועד לקדושת בנות ישראל" בעטען מיר דעם חשובען עולם צו קאָאָפּערירען און העלפען אין אונזער פאַרצווייגטער אַרבעט. העלפען צושטעלען פאַרשידענע אינפאָרמאַציעס וואָס קען אונז ברענגען נוצען, אויך ווער עס איז פעאיג צוצוהעלפען דעם „ועד" מפרסם זיין די האַרבקייט פון דעם ענין, אָדער אַנדערע ענליכע אַקטיוויטעטען, זאָל זיך מעלדען נאָר שריפטליך צו דעם אַדרעס:

**VAAD L'KDISHAS BNOS ISRAEL**
P. O. B. 35
Brooklyn, N. Y. 11228

דאָ האָט איר אַ טייל פון דעם גרויסען ליסט פון פרויען דאָקטערענ׳ס וואָס מיר האָבען באַקומען פון דעם אויבענדערמאָנטען ענערגישער עסקן הרב טאלער שליט״א וואָס האָט אַריינגעלייגט אָן אַ שיעור כוחות דאָס צו ערייכען.

די יעניגע וואָס האָבען קאָמפּליקאַציעס און שוועריקייטען צו נוצען די דאָקטערענס, קענען פרייוויליג רופען דעם אויבענדערמאָנטען רב וואָס איז גרייט יעדע צייט אַרויסצוהעלפען מיטען געבען נעמען פון אַנדערע פרויען דאָקטערענס איבער גאַנץ אַמעריקע.

The following is a listing of female obstetrician *and* the *hospital* that they are associated with:

NEW YORK INFIRMARY
321 E. 15th St.
New York, N.Y.
CA8-8000

DR. ZARECKA
16 W. 16th St.
New York, N.Y.
242-3131

DR. E. GARBER
360 First Ave.
New York, N.Y.
477-1325

DR. RAMA
30 East 40th St.
New York, N.Y.
683-1952 — 533-3520

DR. LAZARO
50 Park Ave.
New York, N.Y.
889-8813

DR. SHAH
237 First Ave.
New York, N.Y.
673-2144

DR. FREDERICA STIENBACH
310 East 12th St.
New York, N.Y.
477-7163

DR. RASELA GOLDSTEIN
905 Fifth Ave.
New York, N.Y.
737-4844

DR. V. CASTELLO
280 First Ave.
New York, N.Y.
533-3520

BEEKMAN DOWNTOWN HOSPITAL
170 Williams St.
New York, N.Y.
233-5300

DR. CHOKSHI
2 Styvesant Oval
New York, N.Y.
260-1463

BETH ISRAEL HOSPITAL
First Ave. and 16th St.
New York, N.Y.
420-2000

DR. E. GARBER
360 First Ave.
New York, N.Y.
GR7-1325

DR. M. P. WARNER
1035 First Ave.
2 East 85th St.
New York, N.Y.
BU8-5305

DR. BHADRA SHAH
237 First Ave.
New York, N.Y.
673-2144

DR. BETTY IU
Beth Israel Hospital
420-2000 Ext. 2255

MOUNT SINAI HOSPITAL
Madison Ave. and 100th St.
New York, N.Y.
650-6500

DR. R. NACHAMIE
985 Fifth Ave.
New York, N.Y.
288-1825

DR. G. PERL
829 Park Ave.
New York, N.Y.
288-9452

MAIMONEDES HOSPITAL
10th Ave. and 49th St.
Brooklyn, N.Y.
853-1200

DR. D. COCH
160 Malborough Rd.
Brooklyn, N.Y.
BU2-5733

DR. PANNOCCHIA
135 Ocean Parkway
Brooklyn, N.Y.
439-5920

FEMALE OBSTETRICIANS IN MANHATTAN

DR. RENNING
580 Park Ave.
PE8-4642

DR. L. ROSENFELD
133 East 73 St.
UN1-9000

DR. LAPEYRADE
601 West 177 St.
781-4370
(Associated with Park East Hospital)

FEMALE OBSTETRICIANS IN BROOKLYN, N.Y.

DR. DORA PERINO
825 East 15th St.
859-3774

DR. TERESA FIGUEIRA
85 Pierpont St.
MA4-4640

DR. JOAN SPITALERI
1 Hansen Pl.
638-5130

DR. G. MACALUSO
416 74th St.
833-0733

DR. LINDA SESE
57 McGuinnes Blvd.
389-7010

DR. M. CLARKE
1 Plaza St.
857-3636

## אהלי ישראל

דא דרוקען מיר דעם קונטרס **שער התקנות וואס הגה"ק רשכבה"ג מרן כ"ק ארמו"ר שליט"א מסאטמאר האט מתקן געווען אינרערהיים אין די שטאט סאטמאר** ווען עס האט זיך אנגעהויבען אריינצורייסען די פארשידענע היינטיגע מאדעס וואס שוין דאן איז דער רבי שליט"א געשטאנען על משמרת הקודש נישט צו צולאזען קיין שום מאדעס און גוי'אישע זאכען, הגם עס האט איהם גורם געווען מחלוקת וכו' צוליב דעם אין זיין אייגענע רבנות שטאט. דאס איז איבערגעדרוקט געווארען דורך אונז (אין 5 טויזנט עקסעמפלארען מיט 7 יאהר צוריק) און מיר האבען דאס אויך איבער געזעצט אין אידיש כדי די ווייבער זאלען פארשטייען, און עס האט אריינגעברענגט א געוואלדיגען התעוררות אינעם עולם און עס האט אויפגעטאהן גדולות ונצורות בעניני צניעות, ע"כ האלטען מיר פאר וויכטיג דאס איבער צודרוקען יעצט לזכות את הרבים, בפרט היינט וואס ב"ה דער חרדישער ציבור האט זיך שטארק פארמערט און עס האט אריינגעבלאזען א רוח קדושה וטהרה אין די הערצער פון די אידישע קינדער אין היימישען קרייז.

ב"ה

קונטרס

# שער התקנות

העתק מכתב יד קדשו מהגה"צ רבן של כל בני הגולה אב"ד דסאטמאר שליט"א

## לחיזוק הדת

ולתועלת הרבים האָבען מיר עס איבערגעזעצט אויף אידיש כדי יעדער זאָל עס קענען פאַרשטיין

## שער התקנות העתק מכתי"ק מהגה"צ אב"ד דסאטמאר שליט"א לחיזוק הדת כת"י.

**העתקה** מהתקנות דבה"מ דחסידים שתקנם אדמו"ר שליט"א, אמונים אשר נאספו ונועדו יחד באסיפה כללית (גענעראל פערזאמלונג) ביום ג' דחוה"מ סוכות תרח"ץ לפ"ק בהופעת כ"ק אדמו"ר הג' הק' מרן אב"ד שליט"א נועצי לב יחדיו להמתיק סוד ולשית עצות בנפשם כדת מה לעשות ותכתב זאת לדור אחרון אשר קיימו וקבלו עליהם תקנות אלה לשמור ולעשות ככל הכתובה בו.

**שמעו** רודפי צדק מבקשי אמת הן ראה ראינו כי עלה הפורץ בגבולינו רבים קמים להפיר ולפרוץ גדרים וסייגים אשר גבלו ראשונים מימי קדם ואמרנו הגיע העת והעונה לגדור גדר ולעמוד בפרץ כי מורא עלה על ראשינו אם החרש נחריש בעת הזאת ח"ו הרשת פרושה לרגלינו ולדורות הבאים אהרינו והקולר יהי' תלוי בצוארינו ר"ל ולמען לא ישלחו בעולתה ידינו אנחנו קמנו ונתעודד בפקודת כ"ק אדמו"ר שליט"א לאשר ולקיים תקנות אלה להורות לנו את הדרך אשר נלך בה והמעשה אשר נעשה.

### תקנות גדולות שנה כאן

**להשגיח** בעין פקיחא על תהלוכות נשינו ובנותינו ולגדור בעדם שלא ילבשו מלבושי פריצות הנאסרת עפ"י התורה המורשה לנו רק תהי' מציונים בדת יהדות ובמלבושי צניעות כמשפט בנות ישראל הכשרות ואין בכלל אלא מה שבפרט

א) **לזהר** באזהרה יתירה שלא ילכו ח"ו בשערות היוצאות חוץ לצמחיהן שקורין בייא האהר,

ב) **שלא** ילכו גם בשוקים וברחובות בשייטלעך ופרוזעטען של פאה נכרית הדומות לשער אך יתאמץ וישתדל כל איש אצל בני ביתו שילבשו זשיאן או פריזעט של משי אומגעדריבעלט ובאם אי אפשר יהי' לכל הפחות של משי געדריבעלט במראה דינקיל במכוסה נעץ על ראשם ובאופן אחר שאינו של משי כלל וכלל לא.

**ותקנותינו** אשר נתקן מימי קדם (שנת תרע"ב) קבוע וחזקה לבל יתן שום אשה לבוא אל הקודש פנימה רק בזשיאן או פריזעט של משי לכה"פ געדריבעלט וכבר קבלו עליהם ואין לשנות.

ג) **שלא** ילכו בדורכזיכטיקע שטרומפף והדומות לבשר שקורין לייב פארב.

ד) **שלא** ילכו לבתי טיאטער ומאזי וכדומה ולזהר מזה בני ביתם הקטנים עם הגדולים.

ה) **שלא** להניח בנינו ובנותינו לילך בהאויבער שוהלען רק המחוייבים מטעם חוקי המדינה ולא יותר כלל.

ו) **שלא** לקרות בספרי חשק המרגילין לכל הדברים המתועבים ר"ל.

ז) **שלא** להניח המטות בבית באמצע ההדרים כי אם אצל הכותל וגם בבתי הילדים אסור.

**כל** הנ"ל קיימו וקיבלו עליהם ועל זרעם אשר ישנו פה עמנו היום ואשר איננו פה עמנו להיות עושים ולא יעבור וחלילה לפרץ גדר ומי האיש הירא יעמוד על המשמר בכל עוז ותעצומות לבל יתן המשחית ח"ו לבוא אל תוך ביתו ומעתה מי האיש אשר איננו שומע בקולינו ועפ"י תקנותינו הנ"ל מאן ללכת אין בכוחינו לקבלו בבית ההברה אם לא

שיקבל עליו לשמור ולעשות ולקיים תקנות הנ"ל בכל פרטו' וצדקה תהי' לנו כי נשמור לעשות ככל הכתיבה בו ובדין הוא שניטול שכרו שנזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות כמאמר הכתוב לא ימושו מפיך ומפי זרעך מעתה ועד עולם אמן.

כל התקנות הנ"ל מאוד המה נחוצים מעיקרי דתי התוה"ק והשי"ת יעזרינו עדכ"ש לשמור ולעשות ולקיים עדי נזכה לראות בישועת כל ישראל ושמחתן בב"א.

ה"ק יואל טייטעלבוים

## אַ פרייע איבערזעצונג פון די תקנות, אין בית המדרש דחסידים, (אין סאַטמאַר) וואָס דער רבי שליט"א האָט זיי איינגעפיהרט

די גלויביגע אידען וואָס האָבען זיך פאַרזאַמעלט, אין אַ גע־נעראל פאַרזאַמלונג ביום ג' דחול המועד סוכות, שנת תרח"ץ לפ"ק. מיטען ערשיינונג פון כבוד קדושת אדונינו מורינו ורבינו הגאון הקדוש מרן אב בית דין שליט"א, האָבען זיי זיך בעראָטען אינאיינעם צו זוכען עצות מיט וואָס זיך צו דערהאַלטען ביי אידישקייט אין דעם לעצטען דור, און זיי האָבען גענומען אויף זיך, אַפהיטען און צו טוהן די פאָלגענדע תקנות, וואָס וועלען ווייטער שטיין געשריבען.

**שמעו:** הערט צו, די וואָס יאָגען זיך נאָך גערעכטיקייט, און זוכען דעם אמת. פאַרוואָר, מיר האָבען איינגעזעהן אַז אויך ביי אונז איז אויפגעקומען די בראַך אין אונזער גרענעץ. פיל זענען אויפגעשטאַנען צו פאַרשטערען און צעברעכען די צוימען וואָס די פריערדיגע צדיקים און גאונים האָבען אונדז

פארצוימט, דערפאר האבען מיר געטראכט און געזאגט עס איז שוין געקומען די צייט, מיר זאלען צוריק פארצוימען, און שטיין אויף די וואך. ווייל א שרעק איז געקומען איבער אונדז, אז אויב מיר וועלען יעצט פארשווייגען וועט עס ח"ו שאדן פאר אונז אין די קומענדיקע דורות און די שטראף וועט הענגען אויף אונזער האלדז ר"ל. ובכדי מיר זאלען נישט האבען קיין חלק אין די גרויסע זינד, האבען מיר זיך דערוועקט מיטן באפעהל פון כ"ק אדמו"ר שליט"א אז מיר זאלען מקיים זיין און זיך פארשטארקען אין די תקנות וואס דאס וועט אונז ווייזען דעם יידישען וועג ווי מיר זאלען גיין און וואס מיר זאלען טוהן.

## גרויסע תקנות ווערען דא געלערנט

**אז** מען זאל אכטונג געבען מיט אפענע אויגען אויפ'ן גאנג פון אונזערע ווייבער און טעכטער, אז זיי זאלען נישט גיין אנגעקליידעט מיט פריצות'דיגע קליידער וואס דאס איז אסור לויט די היילעגע תורה וואס איז אונז איבערגעגעבען געווארען א ירושה פון דור דורות, נאר זיי זאלען זיין געקליידעט אין אויסגעצייכענט לויטן רעליגיעזן אידישען שטאנדפונקט, און מיט צניעותדיגע קליידער, אזוי ווי עס פאסט פאר עהרליכע אידישע טעכטער אזוי ווי עס ווערט דא אויסגערעכנט.

א) **מען** זאל זיין געווארענט גאר שטרענג אז די ווייבער זאלען נישט גיין ח"ו מיט קיין ביי האר.

ב) **אז** זיי זאלען נישט גיין אין די גאסען אנגעטוהן אין שייטלעך אין פריזעטען פון פרעמדע האר וואס זעהט אויס ווי האר, נאר יעדער מאן זאל זיך שטארק פארלייגען און אויספיהרען ביי די בני בית, זיי זאלען זיך קליידען מיט א זשיאאן אדער א פריזעט **פון אומגעדריבעלטן זייד**. און אויב עס איז אומעגליך דאס אויסצופיהרען זאל עס אםווייניגסטען זיין פון טונקעלן געדריבעלטען זייד און באדעקט

מיט א נעץ אויפן קאפ. אבער א אנדער מין סארט וואס איז
ניעט קיין זייד, דאס טאר מען בכלל נישט אנטוהן.

אונזערע תקנות וואס מיר האבען מתקן געווען אין יאר
תרע"ב איז נאך אין איהר קראפט אז מען זאל
נישט אריין לאזען אין ווייבער שוהל א פרוי נאר מיט א
זשיאן אדער מיט א זיידענע פריזעט אמווייניגסטענס גע-
דריבעלט, דאס האט מען שוין לאנג אנגענומען אויף זיך און
מען טאר עס נישט פארענדערין.

ג) זיי זאלען נישט גיין אין דורכזיכטיקע שטרומפף, און
די וואס זעהן אויס ווי לייב פארב.

ד) זיי זאלען נישט גיין אין טעאטערס אדער מאאזים (מא-
ווים), אד"ג, דאס דארפען זיין געווארנט פון קליין ביז
גרויס.

ה) אז מיר זאלען נישט לאזען אונזערע זיהן און טעכטער
גיין אין די אויבער שוהלען (היי סקולס) נאר ווי מען
דארף לויטען געזעץ.

ו) אז מען זאל נישט לייענען קיין טרפהנ'ע ביכער (ראמא-
נען) וואס געוואוינען צו צו אלע אומווירדיגע און אוים-
געלאסענע זאכן רחמנא ליצלן.

ז) אז מען זאל נישט לייגען די בעטען אין דערמיט פון שטוב
נאר דוקא לעבען די וואנט, און אויך אין די קינדער
שטוב טאר מען נישט.

די אלע אויבענדערמאנטע תקנות האבען מקבל געווען די
אלע וואס געפינען זיך דא מיט אונדז, און אויף זייערע
קינדער און די וואס זיי געפינען זיך נישט דא, אז מען זאל
דאס מקיים זיין און נישט עובר זיין און חלילה אז מען זאל

איינברעכן דעם צוים. און דער מענטש וואָס איז אַ ירא שמים דאַרף שטיין אויף דער וואַך מיט די גרעסטע (פאָרזיכטיקייט) אין אָנשטרענגונג, אַז ער זאָל נישט לאָזען חס ושלום דעם משחית אַריינקומען אין זיין הויז. און פון יעצט אָהן וועט עס וועט זיך נישט פיהרען לויט די תקנות, און וועט דאָס נישט אויספאָלגען, דעם האָט מען נישט קיין רעכט אַריינצונעמען אין אונזער חברה. נאָר אַז ער וועט מקבל זיין אויף זיך מקיים צו זיין די תקנות, מיט אַלע פּרטים, און גערעכטיקייט וועט זיין פאַר אונז אַז מיר וועלען מקיים זיין אין אָפּהיטען די אַלע אויבנדערמאָנטע תקנות. און דורכדעם איז מען ווערט צו באַקומען אַ גוטען שכר אַז מיר זאָלען זוכה זיין צו זען קינדער און קינדם קינדער וואָס באַשעפטיגען זיך אין תורה און מצוות אַזוי ווי דער פּסוק זאָגט לא ימושו מפיך ומפי זרעך מעתה ועד עולם אָמן

די אַלע אויבנדערמאָנטע תקנות זענען זייער וויכטיג און זיי זענען פון די הויפּט געזעצן פון די הייליגע תורה, און השי״ת זאָל אונז העלפען וועגען זיין הייליגען נאָמען אַז מיר זאָלען עס קענען מקיים זיין ביז מיר וועלען זוכה זיין צו זען אין די ישועה פון אַלע אידען אין זייער פרייד במהרה בימינו אָמן.

ה״ק יואל טייטעלבוים

**ת. ו. ש. ל. ב. ע.**